4395

439

# נאטיס.

1. נימאנד קען בעקימען מעהר וויא 1 בוך.
2. דער בוך מוז געהאלטען ווערדען אין דעם בעסטען ארדער.
3. דער וואס בארגט א בוך פון לייברערי קען ער עס ניט פערלייהען צו א צווייטע פערזאן.
4. אם ענדע פון 2 וואכען צייט מוז דער בוך צוריק געבראכט ווערען אדער רענועט ווערען ביי דעם לייברעריען אויף נאך 2 וואכען.
5. ווען יעמאנד האלט א בוך לענגער וויא דיא בעשטימטע צייט, מוז בעצאהלען 2 סענט פיר יעדע וואך.
6. ווען דער בוך ווערט ביי יעמאנדען אין הויז צוריסען, פערשמוצט אדער פערלארען, זא מוז דער זעלבער מען בעצאהלען דעם פולען ווערטה פון בוך.

אים אויפטראגע פון

**דיא אפיסערס,**

אוו דיא פראגרעסיוו לייברערי אססן.

HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY

278

# אַלֶכְּסַנְדֶר מוֹקְדוֹן

## (אַלֶכְּסַנְדֶר מַאקֶעדָאנְסְקִי.)

זַיין בִּיאָגְרַאפְיֶע, זַיין לֶעבֶּען, זַיין גְרוֹיס חָכְמָה, זַיינֶע גְרוֹיסֶע מִלְחָמוֹת, וַוייטֶע רַייזֶען, אוּנ זַיין ווִירְקוּנְג אוֹיף דֶער אַלְגֶעמֵיינֶער מֶענְשְׁהַייט אוּנ בֶּעזָאנְדֶערְס אוֹיף דִי אִידֶען.

אִיבֶּערְזֶעצְט פוּן רִיכְטִיגֶע הִיסְטָארִישֶׁע קְוֶואלֶען.

**פרייז 30 קאפ.**

ארויסגעגעבען פֿון בוכהאנדלונג „**איזראעליט**“ אין ווילנא.


ווילנא, תרס"ה

בדפוס דוב ב"ר שאול ציונזאָהן.


# АЛЕКСАНДРЪ МАКЕДОНСКІЙ


Изданіе книж. магаз. „ИЗРАЕЛИТЪ“, Вильна
Рудницкая ул. д. Шапиро.

ВИЛЬНА.

Тип. Б. Ціонсона Завальная ул. д. № 35.

1904

Дозволено цензурою 19 ноября 1904 г. Вильна.

# אִינְהַאלְט פֶּערְצֵייכְנִיס:

## עֶרְשְׁטֶע אָבְּטְהֵיילוּנְג.


צוא דיא לעזער.

א) אלכסנדר אונ דער כהן גדול.

ב) דיא מערקווירדיגע דין תורה.

ג) דיא צווייטע דין תורה.

ד) דיא דריטע דין תורה.

ה) דיא פראַגען אונ אנטווארטען.

ו) דיא הרי חשך.

ז) דיא קלוגע ווייבער.

ט) דער משפט צדק.

י) דם נקי.

יא) דיא שטראף.

יב) אלכסנדר מיט דעם אדלער.


## צְווֵייטֶע אָבְּטְהֵיילוּנְג.


א) אלכסנדרס רבי.

ב) שטרייטען מיט פרס.

ג) א ליגען.

ד) געשטיצט דיא געלעהרטע.

ה) דיא סגולה.

ו) דיא נקמה.

ז) דער קנויל פאדעם.

ח) דער טומעל.

ט) דיא בעלאגערונג.

י) דיא זעלבע ענדע.

יא) דער ריכטיגער פלאן.

יב) פערדיענט דעם נאָמען.

יג) נעבויט דער שטאָט.

יד) די האָכצייט.

טו) דיא שטאָלצע שרים.

טז) די חרטה.

יז) די רייזע נאָך אינדיען.

יח) צוועלף מזבחות אונ אלכסנדר'ס טויט.

# צוּ דִיא לֶעזֶער

(אַזוֹיא גוּט וְויא אַ פָאְרֶעדֶע).

אלכסנדר מוּקדוֹן הָאט גֶעלֶעבְּט צְוֵוייא אוּנ דְרַייסִיג יָאהְר, רֶעגִירְט הָאט עֶר צְוֶועלְף יָאהְר, אַז עֶר אִיז אַלְט גֶעוֶועז פִינְף אוּנ צְוַואנְצִיג יָאהְר הָאט עֶר מְנַצֵחַ גֶעוֶועז (בֶּעזִיעגְט) צְוֵוייא אוּנ צְוַואנְצִיג קֶאנִיגֶע; עֶר הָאט גֶעבּוֹיט צְוֶועלְף נַייֶע שְׁטֶאדְט, עֶר הָאט זֵייא אַלֶע אַ נָאמֶען גֶעגֶעבֶּען „אלכסנדריא" (צוּם אַנְדֵיינֶקען זַיין נָאמֶען).

זַיין פָּנִים (גֶעזִיכְט) אִיז גֶעוֶוען שְׁרֶעקְלִיךְ. עֶר הָאט אוֹיסְגֶעזֶעהֶען וִויא אַ לֶאוֶוע (לֵייבּ). זַיין רֶעכְטֶע אוֹיג אִיז גֶעוֶוען שְׁוַוארְץ, זִיא הָאט גֶעקוּקְט אַרָאפּ. אוּנ זַיין לִינְקֶע אוֹיג אִיז גֶעוֶוען וַייס וְויא אַקאטְצֶען אוֹיג. אוּנ זִיא הָאט גֶעקוּקְט אַרוֹיף. זַיינֶע צֶאהְנֶע זַיינֶען גֶעוֶוען שְׁפִּיטְצִיג אוּנ שַׁארְף וְויא בַּייא אַ הוּנְד, אוּנ עֶר אִיז גֶעוֶוען פְלִינְק, גֶעשִׁיקְטְלִיךְ, שְׁנֶעל, וְויא אַ לֵייבּ. עֶר הָאט קַיין אֶהְנְלִיכְקֵייט גֶעהַאט נִיט צוּא זַיין פָּאטֶער אוּנ נִיט צוּא זַיין מוּטְטֶער.

קַיין אֵיינְצִיגֶער קֶאנִיג, בִּיז אִיהְם, הָאט נִיט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּא אַזוֹי פִיעל לֶעגֶענְדֶעס וְויא עֶר. פוּן אִיהְם וֶוערְן פִיל מַעֲשִׂיוֹת עֶרְצֵעהְלְט אִין דִיא סִפְרֵי קֹדֶשׁ (תַּלְמוּד אוּנ מִדְרָשִׁים) אוּנ אִין דִיא סִפְרֵי חוֹל.

פוּן דִיא לֶעגֶענְדֶעס זֶעהְט מֶען וְויא גְרוֹיס דֶער מֶענְשׁ אִיז גֶעוֶוען אַז דִיא „וֶועלְט" הָאט פַארְשְׁרִיבֶּען פוּן אִיהְם אַזוֹיא פִיל מַעֲשִׂיוֹת.

דִי לֶעגֶענְדֶעס וָואס וֶוערְן עֶרְצֵיילְט אִין תַּלְמוּד אוּנ אִין דִי מִדְרָשִׁים זַיינֶען גֶעוִויס אֱמֶת, אוּנ מִיר גְלוֹיבֶּען אַז דִיא לֶעגֶענְדֶעס פוּן סִפְרֵי חוֹל אוּנ דִיא וָואס וֶוערְן עֶרְצֵיילְט אוֹיסְוֵוייניג, אַלְס קַבָּלָה אִישׁ מִפִּי אִישׁ זַיינֶען אוֹיךְ רִיכְטִיג, וַוייל דֶער אלכסנדר אִיז גֶעוֶוען אִיבֶּערְנַאטִירְלִיךְ גְרוֹיס אִין חָכְמָה אוּנ אִין גְבוּרָה.

דַארוּם הָאבּ אִיךְ גִיזַאמֶעלְט פִיל לֶעגֶענְדֶעס פוּן פֶערְשִׁידֶענֶע סְפָרִים וֶועלְכֶע עֶרְצֵיילֶען פוּן דֶעם גְרוֹיסֶען הֶעלְד אלכסנדר מוּקדוֹן אוּנ אִיךְ הָאף דָאס דִי לֶעזֶער וֶועלֶען דֶערְפוּן פִיל פֶערְגְנִיגֶען הָאבֶּען, אוּנ זֵייא וֶועלֶען דַאנְקֶען דֶעם אַרוֹיסְגֶעבֶּער אוֹיךְ דֶעם זַאמְלֶער.

שַׂר שֶׁל יַם

# א.

## אַלֶכְּסַנְדֶר אוּנ דֶער כֹּהֵן גָדוֹל.

פִינְף אוּנ צְוַואנְצִיג טֶעג אִין חֹדֶשׁ טֵבֵת אִיז פַארְצַייטֶען גֶעוֶוען בַּייא יוּדֶען אַ יוֹם טוֹב. זַייא הָאבֶּען דֶעם יוֹ״ט גֶערוּפֶען „הַר גְרִיזִים״ *).

אִין יֶענֶעם טָאג הָאט מֶען נִיט גֶעטָארְט מַאכֶען אַ הֶסְפֵּד, וַוייל דִיא יוּדֶען הָאבֶּען אִיהְם גֶעהַאלְטֶען הֵיילִיג אַזוֹיא וִויא אַלֶע יָמִים טוֹבִים.

דִיא מַעֲשֶׂה פוּן דֶעם יוֹם טוֹב אִיז אַזוֹיא גֶעוֶוען: אִין יֶענֶעם טָאג הָאבֶּען דִיא כּוּתִים גֶעבֶּעטֶען דֶעם גְרוֹיסֶען קֶאנִיג אלכסנדר מוקדון: דָאס עֶר זָאל חָרוּב מַאכֶען (פַארְוִויסְטֶען) דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ. דֶעם קֶאנִיג אִיז זֵייעֶר גְרוֹיזַאמֶער פְּלַאן גֶעפֶאלֶען גֶעוֶוען, עֶר הָאט זַייא פַארְשְׁפְּרָאכֶען צוּא קוּמֶען אִין יְרוּשָׁלַיִם מַאכֶען פוּן דֶער גַאנְצֶער שְׁטָאדְט אַ תֵּל עוֹלָם.

פוּן דֶער מְסִיבָּה מִיט דִיא הַבְטָחָה הָאט זִיךְ דֶערְוואוּסְט שִׁמְעוֹן הַצַדִיק דֶער כֹּהֵן גָדוֹל, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעצוֹיגֶען בִּגְדֵי כְּהוּנָה (פְּרִיסְטֶער קְלֵיידֶער) אוּנ עֶר הָאט גֶענוּמֶען מִיט זִיךְ זַיינֶע בְּרִידֶער דִיא כֹּהֲנִים אוֹיךְ פִיעל פָארְנֶעהְמֶע הֶערְרן פוּן יְרוּשָׁלַיִם. זַייא אַלֶע

האבען

---

*) דִיא כּוּתִים (אַזַא מִין סֶעקְטֶע) הָאבֶּען דֶעם בַּארְג גְרִיזִים גֶעהַאלְטֶען הֵיילִיג; זַייא הָאבֶּען אוֹיף אִיהְם גֶעדִינְט זֵייעֶרֶע אָבְּגֶאטֶער.

האָבּען גענומען גרױסע פּאַנאַרען מיט בּרענענדע ליכט אין זייערע האַנד, אַ גאַנצע נאַכט זיינען זיי געגאַנגען, בּיז זיי האָבּען זיך צוזאַמענגעטראָפען מיט אלכסנדר מוקדון בּײַ אַ בּאַרג. אלכסנדר מיט זיינע מענשען זיינען געגאַנגען פון איין זייט בּארג, אונ שמעון הצדיק מיט זיינע מענשען זיינען געגאַנגען פון דעם אַנדערן זייט בּאַרג.

אין אַנטיפּטור איז זיי ליכטיג געוואָרען, דיא זונן האָט אױפגעשיינט.

װיא אלכסנדר האָט פון ווייטען געזעהען דיא יודען, האָט ער בּײַא זיינע שׂרים געפרעגט:

– װער זיינען יענע מענשען װאָס געהען אונז ענטגעגען?

– דאָס זיינען דיא יודען – האָבּען דיא שׂרים געענטפערט – װעלכע האָבּען אָן דיך מורד געװען.

װיא זיי (בּיידע מחנות) זיינען געקומען נאָהנטער, האָט דער קעניג דערזעהען פון װייטען דעם כּהן גדול, שמעון הצדיק. איז אלכסנדר אַראָפּגעשטיגען (אַראָפּגעניהערט) פון זיין װאָגען אונ ער האָט זיך געבּוקט פאַר שמעון הצדיק.

– װאָרום בּוקסט דוא זיך פאַר אַ יודען? – האָבּען דיא שׂרים געפרעגט מיט אַ גרױס װאונדער.

– איך זעהע – האָט אלכסנדר זיי געענטפערט – דאָס זיין פּנים זעהט אױס װיא דער פּנים פון דעם הײליגען געשטאַלט מאַן װעלכען זיין געשטאַלט פלעג איך זעהען שטענדיג אין דער צייט װאָס איך פלעג מיט מיינע פיינדע האַלטען מלחמה, דורך זיינע הילף פלעג איך מנצח (בּעזיגען) זיין מיינע פיינד, דאַרום בּוק איך מיך פאַר איהם.

אַז זיי זיינען געקומען נאָהנט איינער צום אַנדערן, האָט אלכסנדר

אלכסנדר גֶעפְּרֶעגְט בַּייא שִׁמְעוֹן הַצַדִיק: זָאג מִיר דַיין פֶּערְלַאנְג פוּן מִיךְ.

— אוֹיב אִיךְ הָאבּ גֶעפוּנֶען חֵן אִין דַיינֶע אוֹיגֶען, הֶערְר קֶענִיג—הָאט שִׁמְעוֹן הַצַדִיק גֶעעֶנְטְפֶערְט—אוּנ אוֹיבּ דֶעם קֶאנִיג גֶעפֶעלְט צוּא טְהָאן מַיין וואוּנְשׁ, פֶּערְלַאנְג אִיךְ פוּן דִיר, גְרוֹיסֶער הֶערְשֶׁער, מַיין בֵּית הַמִקְדָשׁ. אוּנ דִיא שְׁטָאדְט יְרוּשָׁלַיִם אוּיךְ מַיין פָאלְק, דוּא זָאלְסְט זֵייא קֵיינֶע שְׁלֶעכְטֶעס טְהָאן. נִיט חָרוּב מַאכֶען, אִיךְ עֶרְלוֹיבֶּע מִיךְ דִיר, גְרוֹיסֶער קֶאנִיג צוּא זָאגֶען, דָאס דֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ, דֶער גְרוֹיסֶער הֵיילִיגֶער אָרְט אִין יְרוּשָׁלַיִם, אִיז אַנְ'אָרְט פַאר אַלֶע פֶאלֶקֶער וָואס קוּמֶען דָארְט זֵייא גָאטט בֶּעטֶען אַלְם וָואס זֵייא פֶעהְלְט. אוּנ דָארְטֶען הֶערְט גָאטט צוּא אַלֶעמֶעס תְּפִלוֹת, אוּנ עֶרְפִילְט וָואס זֵייא פֶּערְלַאנְגֶען פוּן אִיהְם. אִין יֶענֶעם הֵיילִיגֶען אָרְט בֶּעטֶען יוּדֶען אַלֶע טָאג פַאר דַיין גֶעזוּנְד, גְרוֹיסֶער מָאנַארְךְ, אוּנ פַאר דַיין גַאנְצֶע מלוכה, פַאר דַיין הצלחה, דוּא זָאלְסְט בַּאגְלִיקֶען אִין אַלֶע דַיינֶע מלחמות, אוּנ גָאטט הָארְט צוּא אוּנְזֶער גֶעבֶּעט, עֶר שִׁיקְט דִיר אַ מלאךְ פוּן הִימֶעל אוּנ בַּאפֶעלְט אִיהְם דָאס עֶר זָאל גֶעהֶען פָארָאוֹיס אִין אַלֶע מלחמות וואוּ דוּא גֶעהְסְט מלחמה הַאלְטֶען מִיט דַיינֶע בְּלוּט פַיינְדֶע. זֵייא פַאלֶען פַאר דִיר אוּנ פַאר דַיינֶע גִבּוֹרִים וִויא זֵייא וָואלְטֶען גֶעוֶוען פְלִיעגֶען, וַוייל גֶעגֶען גָאטְטֶעס מַלְאָךְ קֶאנֶען דִיא גְרֶאסְטֶע הֶעלְדֶען נִיט בַּאשְׁטֶעהֶען. נוּר יֶעטְצְט הָאבֶען זִיךְ גֶעפוּנֶען שְׁלֶעכְטֶע מֶענְשֶׁען וָואס רֵיידֶען דִיךְ אָן מִיט פַאלְשֶׁע מְסִירוֹת אוֹיף אוּנְז. זֵייא ווִילֶען דָאס דוּא זָאלְסְט חָרוּב מַאכֶען דָאס הֵיילִיגֶע הוֹיז. דֶערְפוּן קֶאנְסְט דוּא פַארְשְׁטֶעהֶען דָאס זֵייא בַּאקִימֶערְן זִיךְ נִיט וֶועגֶען דִיךְ, זֵייא אַרְט נִיט אַז דוּא וֶועסְט פַארְלִיהְרֶען דַיינֶע

גֶעטְבַייֶע אוּנְטֶערְטְהֶאנֶער דִיא יוּדֶען, הָאבּ רחמנות אוֹיף דַיינֶע אֶמֶתֶע גוּטֶע פְּרַיינְד, דִיא יוּדֶען אוּנ פָאלְג נִיט דִיא נִיפְּטִינֶע עֵצוֹת פוּן נָאטְטֶעס לַייקְנֶער וָואס זַיינֶען מֶענְשֶׁען פַיינְדֶע בִּכְלָל אוּנ דִיא יוּדֶען בִּפְרַט.

– וֶוער זַיינֶען דִיא שְׁלֶעכְטֶע מֶענְשֶׁען וָואס ווילֶען אַייךְ שְׁלֶעכְטֶעס טְהָאן? – הָאט אלכסנדר גֶעפְרֶעגְט מִיט גְרוֹיס עָנְטְצִיקוּנְג פוּן כֹּהֵן גָדוֹל׳ס רֵייד.

– דִיא שְׁלֶעכְטֶע מֶענְשֶׁען, דִיא פַיינְדֶע – הָאט שִׁמְעוֹן הַצַדִיק גֶעעֶנְטְפֶערְט – דָאס זֶענֶען דִיא כּוּתִים וֶועלְכֶע שְׁטֶעהֶען דָא פַאר דִיר.

אִין יֶענֶעם טָאג הָאט אלכסנדר מוקדוֹן גֶעגֶעבֶּען עֶרְלוֹיבְּ־נִיס דֶעם שמעון הצדיק צוּא טְהָאן מִיט דִיא כּוּתִים אַזוֹי וִויא עֶר פֶעדְלַאנְגְט. עֶר הָאט אִיהְם גֶעגֶעבֶּען רְשׁוּת צוּ הַרְגֶענֶען דִי כּוּתִים אוּנ צוּ גֶעהְמֶען פַאר זִיךְ זֵייעֶר גַאנְצֶען פַארְמֶעגֶען.

דִיא יוּדֶען הָאבֶּען גֶעטְהָאן אַזוֹי וִויא אלכסנדר הָאט זֵייא עֶרְלוֹיבְּט (זֵיין עֶרְלוֹיבְּנִיש הָאבֶּען זֵייא גֶערֶעכְנְט אַזוֹיא גוּט וִויא אַ בֶּאפֶעל..*) זֵייא הָאבֶּען דִי כּוּתִים גֶעמַאכְט לָאכֶער אִין דִי פִּים, זֵייא אוֹיפְגֶעהַאנְגֶען (אָנְגֶעבּוּנְדֶען) אוֹיף דִיא עֶקֶען פוּן זֵייעֶרֶע פְּפֶערְד אוּנ גֶעלָאפֶען (גֶעשְׁלֶעפְּט) מִיט זֵייא אִיבֶּער דֶארְנֶער, בִּיז זֵייא זַיינֶען גֶעקוּמֶען צוּם בַּארְג גְרִיזִים. דֶעם בַּארְג הָאבֶּען זֵייא צוּאַקֶערְט אוּנ פַארְזֶעעט אַזַא מִין גְרָאז וָואס

נאכדעם

---

*) גֶעווִיס זַיינֶען פִיל כּוּתִים גֶעקוּמֶען אַנְטְגֶעגֶען אַלֶכְּסַנְדֶרֶן צוּא פַארְשְׁטַאהֶקֶען זֵייעֶר מְסִירָה...

יהלו״ם.

גָאכְדֶעם קָאן מֶען דָארְטֶען קֵיין זַאךְ מֶעהְר נִיט זֵיינֶען, וַוייל עֶס וַואכְּסְט נִיט.

דִיא יוּדֶען הָאבֶּען מִיט זֵייא גֶעטְהָאן אַזוֹיא ווִיא דִיא כּוּתִים הָאבֶּען גֶעטְרַאכְט צוּא טְהָאן מִיט גַאנְץ יְרוּשָׁלַיִם אוּנ מִיט דֶעם בית המקדש.

יֶענֶעם טָאג הָאבֶּען דִיא יוּדֶען גֶעמַאכְט אַ יום טוֹב.
(יומא ס"ט.)

הערת המעתיק:

פוּן דֶעם סִפּוּר זֶעהֶען מִיר אוֹיךְ ווִיא פוּן פִיעל אַנְדֶערֶע ספורים, אַז גָאטט בֶּעשַׁאפְט דִיא רְפוּאָה פַאר דֶער מַכָּה, דֶער פַאר הָאט אלכסנדר גֶעהֶענְדִיג אִין זַיינֶע מלחמות גֶעזֶעהֶען אַ גֶעשְׁטַאלְט וָואס זֶעהְט אוֹיס ווִיא שמעון הצדיק. אוּנ דוּרְכְדֶעם הָאט אלכסנדר אִיהְם גֶעגֶעבֶּען גְרוֹיס כָּבוֹד אוּנ הָאט ירושלים מִיט דֶעם בית המקדש נִיט פֶערְוִויסְטֶעט.

אוֹיךְ זֶעהֶען מִיר פוּן דֶעם סִפּוּר אַז עֶס וֶוערְט מְקוּיָם דִיא רֵייד פוּן דוד המלך ע"ה וָואס זָאגְט אַז אֵיינֶער גְרָאבְּט אַ גְרוּבּ פִיר יֶענֶעם פַאלְט עֶר אַלֵיין אַריין דָארְטֶען (תהלים ז' ט"ז.) אַזוֹיא אִיז גֶעוֶועזֶען מִיט דִיא כּוּתִים, דָאס וָואס זֵייא הָאבֶּען גֶעוָואלְט טְהָאן דִיא יוּדֶען, הָאבֶּען נָאכְדֶעם דִיא יוּדֶען מִיט זֵייא גֶעטְהָאן מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה.

# ב.

## דִיא מֶערְקְווִירְדִיגֶע דִין תּוֹרָה.

אִין יֶענֶער צֵייט זֶענֶען גֶעקוּמֶען דִיא בני ישמעאל אוּנ דִיא בני קטורה אוּנ מִיט זֵיי זַיינֶען גֶעקוּמֶען דִיא פָארְשְׁטֶעהֶער פוּן

לאנד

לאַנד כנען אונ פון לאַנד מצרים האָבען אַ דין תורה מיט די יודען פאר דעם קאָניג אלכסנדר מוקדון זייא האָבען פערלאַנגט דאָס ער זאָל זייא משפטן.

דיא חכמי ישראל האָבען זיך פערזאַמעלט אונ זייא האָבען אויסערוועהלט דעם געלעהרטען מאַן „גביהע" ער זאָל מיט זייא האָבען אַ דין תורה פאר דעם קאָניג אלכסנדר.

– אויב זייא וועלען מיך מנצח זיין–האָט גביהע געזאָגט צו דיא חכמי ישראל–וועט איהר זאָגען אויף מיך דאָס איך בין אַ שפּל דאָס הייסט: אַ פּראָסטען מענשען האָבען זייא בעזיגט אונ אויב איך וועל זייא מנצח זיין, וועלען זייא שוין מעהר ניט ריידען מיט גאַוה וויא זייא האָבען ביז יעטצט גערעדט.

– אין דיא יודישע תורה שטעהט געשריבען–האָבען דיא בני ישמעאל געזאָגט צום קאָניג–דאָס ישמעאל אונ יצחק זיינען געוועזען ברידער, אונ ישמעאל איז געוועזען דער בכור (ערשטגע־באָרענער) אונ דיא זעלבינע יודישע תורה זאָגט דאָס בכור געהערט צוויא חלקים פון פאָטערס ירושה, ער מעג אַפּילו זיין פון אַ פּרויא וואָס דער מאַן האָט איהר ניט ליב געהאַט קומט איהם פון דעסטוועגען צוויא חלקים, דערפאר פערלאַנגען מיר צוויא טהייל פון דאָס לאַנד כּנען אַזויא וויא זייער תורה פּסקנט.

– אויב איהר ווילט זיך משפטן עפ״י התורה–האָט גביהע געענטפערט דאַרפט איהר גלויבען אונ פאָלגען וויא דיא גאַנצע תורה שרייבט, אונ דאָרט איז געזאָגט: ויתן אברהם את־כל־אשר–לו ליצחק, ולבני הפילגשים אשר לאברהם נתן מתנות וישלחם מעל יצחק בנו בעודנו חי וגומ׳ (בראשית כ״ה ה׳ ו׳) דאָס איז טייטש: אונ אַברהם האָט געגעבען אַללע זיינע גוטער יצחקן.

אבער

אָבֶּער דיא קינְדֶער דיא עֶר הָאט פוּן דיא קֶעבְּסְוַוייבּ הָאט עֶר גֶעגֶעבֶּען גֶעשֶׁיינְקְט אוּנ לָאזְט זֵייא פוּן זַיין זָאהְן יִצְחָק אַװֶעק־צִיהֶען װֶען עֶר נָאךְ לֶעבְּטֶע. א. ז. וו. אוּנ דָאס װֵייסֶען אַלֶע אַז יֶעדֶער פָאטֶער מֶעג טְהָאן מִיט זַיין פַארְמֶעגֶען װִיא עֶר װִיל אוּנ װִיא אִיהְם גֶעפֶעלְט. (סנהדרין צ״א. ב״ר פ׳ ס״א ומגלת תענית

---

# ג.

# דיא צְוֵוייטֶע דִין תּוֹרָה.

נָאכְדֶעם זַיינֶען צוּגֶעגַאנְגֶען דיא פָארְשְׁטֶעהֶער פוּן כְּנַעַן אוּנ הָאבֶּען גֶעזָאגְט, דָאס לַאנְד כְּנַעַן גֶעהֶערְט צוּא אוּנְז, מֶען רוּפְט זִיא אוֹיף דֶעם נָאמֶען פוּן אוּנְזֶער פָאטֶער, דַארוּם פֶערְלַאנְגֶען מִיר פוּן דיא יוּדֶען דָאס זֵייא זָאלֶען אוּנְז אָפְּגֶעבֶּען אוּנְזֶער לַאנְד. אֶמֶת, יהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן הָאט מִיט גֶעוַואלְד אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן פוּן דיא לַאנְד אַרוֹיסְגֶעטְרִיבֶּען, דַארְפֶען דִי יֶעטְצְטִיגֶע יוּדֶען אוּנְז אָפְּגֶעבֶּען דיא גְזֵלָה מִיט אַלֶע תְּבוּאוֹת וָואס הָאט בִּיז הַיינְט גֶעוַואקְסֶען. וִויא דֶער דִין פוּן זֵייעֶר תּוֹרָה אִיז.

– דיא יוּדֶען הָאבֶּען גֶעפוּנֶען אִין דֶער תּוֹרָה אַקָאנְטְרַאקְט פוּן אַייעֶר פָאטֶער–הָאט גְבִיעַ גֶעעֶנְטְפֶערְט–עֶס שְׁטֶעהְט דֵייטְלִיךְ: ארור כנען עבד עבדים יהי׳ לאחיו (בראשית ט׳ כ״ה) דָאס אִיז טַייטְשׁ: פֶערְפְלוּכְט זָאל זַיין כנען, אוּנ עֶר זָאל זַיין אַקְנֶעכְט אַלֶער קְנֶעכְטֶע (אַ פְּרָאסְטֶער קְנֶעכְט) צוּא זַיינֶע בְּרִידֶער, אוּנ דֶעם דִין װֵייסֶען אַלֶע: וָואס דֶער עבד כנעני פַארְמֶעגְט גֶעהֶערְט דָאס דֶעם בעל הבית זַיינֶעם. דַארְפְט אִיהְר אוּנְז

בעצאהלען

בֶּעצָאהְלֶען פַאר אַלֶע יָאהְרֶען–פוּן יֶענֶער צַייט בִּיז הַיינְטִיגֶען טָאג–פַאר וָואס אִיהְר הָאט אוּנְז נִיט גֶעדִינְט וִויא אַ עבד כנעני.

דִיא פָּארְשְׁטֶעהֶער פוּן כנען זַיינֶען אוֹיךְ מִיט גְרוֹיס בִּזיוֹנוֹת (שַׁאנְדֶע) אַוֶועקְגֶענַאנְגֶען (שם).

---

# ד.

# דִיא דְרִיטֶע דִין תּוֹרָה.

נָאכְדֶעם זַיינֶען גֶעקוּמֶען דִיא פָּארְשְׁטֶעהֶער פוּן מִצְרַיִם, זַייא הָאבֶּען אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּא זָאגֶען, זֶעכְּס הוּנְדֶערְט טוֹיזֶענְד מַאנְסְלַייט אוֹיסֶער פְּרוֹיֶען אוּנ קִינְדֶער, זַיינֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן מִצְרַיִם זַייא זַיינֶען אַנְטְלָאפֶען, זַייעֶר תּוֹרָה זָאגְט עֵדוּת אוֹיף זַייא דָאס זַייא הָאבֶּען גֶעלִיהֶען פוּן דִיא מִצְרִיִים זִילְבֶּערְנֶע אוּנ גָאלְדֶערְנֶע כֵּלִים אוֹיךְ קְלֵיידֶער, וָוארוּם גִיבֶּען זַייא אוּנְז דָאס נִיט אָב אַזַא לַאנְגֶע צַייט?

– וָוארוּם בֶּעצָאלְט אִיהְר אוּנְז נִיט פַאר אוּנְזֶערֶע אַרְבֵּייט?– הָאט גְבִיעַ גֶעעֶנְטְפֶערְט--זֶעכְּס הוּנְדֶערְט טוֹיזֶענְד מַאן אוֹיסֶער פְרוֹיֶען אוּנ קִינְדֶער הָאבֶּען פִיער הוּנְדֶערְט יָאהְר גֶעאַרְבֵּייט בְּחֹמֶר וּבִלְבֵנִים אוּמְזָאנְסְט, וואוּ אִיז אוּנְזֶערֶע אַרְבֵּייטְס גֶעלְד?

דִיא חכמי המלך הָאבֶּען אָנְגֶעפַאנְגֶען בַּארֶעכְנֶען וִויפִיל דָאס קָאן אוּנְגֶעפֶעהְר בַּאטְרֶעפֶען, אָבֶּער זַייא הָאבֶּען אַזַא גְרוֹיסֶע סוּמְמֶע גֶעלְד נִיט גֶעקָאנְט בַּארֶעכֶענֶען.

דִיא פָּארְשְׁטֶעהֶער פוּן מִצְרַיִם זַיינֶען אוֹיךְ מִיט גְרוֹיס חֶרְפָּה אַוֶועקְגֶענַאנְגֶען (שם, שם).

### הערת המעתיק:

פון דעם ספור קאנען מיר אפלערנען א מוסר השכל נאמליך: א מענש דארף זיך ניט איינרעדען אז ער האט געוויס רעכט אונ יענער האט געוויס אונרעכט, ווען דיא בני ישמעאל מיט זייערע חברים וואלטען זיך ניט איינגערעדט דאס זייא האבען רעכט, וואלטען זייא ניט געגאנגען צו דעם קעניג אלכסנדר מוקדון האבען מיט דיא יודען א דין תורה אונ זייא וואלטען קיינע בזיונות געהאט, וויא עס ווייזט אויס האבען זייא געהאט א גרויסען טעות, זייא האט זיך געחלומ'ט אז זייא געהען אויף אנ'איינגערעדעם בריק, זייא האבען זיך מיט דער יודישער תורה בענוצט אלס צייגנים צוא זייערע פאלשע געדאנקען וואס באמת הייבט זיך דאס גאר ניט אן, עס איז דורך פאלש דיא איינגעליבע פארבלענדעט דיא אויגען פון די נארעשע מענשען. זייא ווילט זיך זיין גערעכט ע"פ התורה זוכען זייא פסוקים אזעלכע וואס עס שיינט זייא אז דאס האט טאקע דיא תורה געמיינט, אז דער נותן התורה האט זייא געהאלטען אין זינען. אונ דורך דעם ווערען זייא אליין פארפיהרט אונ ווילען אנדערע אונשולדיגע מענשען אויך פארפיהרען אט אזויא האבען פיל מענשען געהאט א טעות אין דער תורה, ניט דא איז דער ארט צוא ערקלעהרען „ווער" אונ אין וועלכע צייט אונ פאר וואס, ווייל פון די הערה קען ווערען א גאנצער ספר.

---

# ה.

## דִיא פְרַאגֶען אוּנ אַנְטְוָואְרְטֶען.

אלכסנדר מוקדון אִיז גֶעוֶוען–אוֹיסֶער זַיין גְבוּרָה–אַ גְרוֹיסֶער חָכָם. עֶר הָאט לִיבּ גֶעהַאט אַלְס צוּא ווִיסֶען, אַ מָאל הָאט עֶר גֶעפְרֶאגְט בַּייא דִיא יוּדִישֶׁע גֶעלֶעהְרְטֶע וָואס מֶען הָאט זֵייא גֶערוּפֶען „זקני הנגב“ (דִיא זְקֵנִים פוּן דָרוֹם זַייט) זָאגְט מִיר: וואוּ אִיז וַוייטֶער, פוּן דִיא עֶרְד בִּיז דֶעם הִימֶעל, אָדֶער פוּן מִזְרָח בִּיז מַעֲרָב? אַנְטְוָוארְט: פוּן מִזְרָח בִּיז מַעֲרָב זַייט– הָאבֶּען דִיא זְקֵנִים גֶעעֶנְטְפֶערְט–אִיז וַוייטֶער וִויא פוּן דִיא עֶרְד בִּיז דֶעם הִימֶעל.

– מִיט וָואס קָאנְט אִיהְר מִיר בֶּעוַוייזֶען–הָאט אלכסנדר גֶעפְרֶאגְט–אַז אִיהְר זָאגְט רִיכְטִיג.–

– מִיר קָאנֶען דִיר בֶּעוַוייזֶען–הָאבֶּען דִיא זְקֵנִים גֶעעֶנְטְפֶערְט–אַ רִיכְטִיגֶע בֶּעוַוייז: אַז דוּא וֶועסְט אַלֵיין אוּנְז מוֹדֶה זַיין דָאס מִיר זָאגֶען רִיכְטִיג. וֶוען דִיא זוּן שַׁיינְט אוֹיף אִין מִזְרָח זַייט קָאנֶען אַלֶע מֶענְשֶׁען וָואס שְׁטֶעהֶען אִין מַעֲרָב זַייט קוּקֶען אוֹיף אִיהְר. דִי זֶעלְבִּיגֶע וֶוען זִיא שְׁטֶעהְט אִין מַעֲרָב זַייט קָאן מֶען אִין מִזְרָח זַייט אוֹיךְ אוֹיף אִיהְר קוּקֶען, אָבֶּער וֶוען זִיא שְׁטֶעהְט אִין מִיטֶען הִימֶעל קָאן מֶען אִין אִיהְר נִיט קוּקֶען. דִיא אוּרְזַאכֶע אִיז וַוייל מִזְרָח פוּן מַעֲרָב אִיז וַוייטֶער וִויא דִיא עֶרְד פוּן הִימֶעל.

דִיא צְוֵוייטֶע פְרַאגֶע:

– וָואס הָאט גָאט פְרִיהְר בֶּעשַׁאפֶען, דִיא הִימֶעל אָדֶער דִי עֶרְד?– הָאט אלכסנדר גֶעפְרֶאגְט.

– דיא הימעל–האבען דיא זקנים געענטפערט. ווייל אין פסוק שטעהם געשריבען: בראשית ברא וגו׳ את השמים ואת הארץ.

דיא דריטע פראגע:

– וועלכעס איז פריהר בעשאפען געווארען–האט אלכסנדר געפרעגט– דיא פינסטערניס אדער דיא ליכטיגקייט?–

דיא זקנים האבען געזעהען אז מיט דיא דריטע פראגע איז נאך קיין ענדע ניט. ער וועט נאך פרעגען, ער וועט פרעגען וואס איז איבער אלע הימלען אונ וואס איז אונטער דער ערד–וואס איז געווען עהדער דיא וועלט איז בעשאפען געווארען אונ וואס וועט זיין נאכדעם אז דיא גאנצע וועלט וועט חרוב ווערען, אונ נאך אזעלכע פערשידענע פראגען, וואס צו פרעגען איז גאנץ גרינג, אבער צוא ענטפערן איז זעהער שווער. דארום האבען זייא איהם אויף דיא דריטע פראגע געענטפערט: דאס ווייסען מיר ניט. דער מיט האבען זייא איהם געוויזען אז זייא ווילען ניט הערען אזעלכע פראגען.

אלכסנדר האט באלד פארשטאנען אז אויף אזעלכע פראגען ווילען זייא איהם ניט ענטפערן האט ער זייא אנגעפאנגען צוא פרעגען וועלטליכע פראגען.

דיא פיערטע פראגע:

וועלכען מענשען קאן מען רופען מיט דעם נאמען חכם?– האט אלכסנדר געפרעגט. *)

דער

*) ווייל עס גיבט פערשידענע חכמים, עס איז פאראן א חכם להרע א. ז. ווייטער.

– דער וואס איז א רואה את הנולד. דאס הייסט ער קלערט אונ באַרעכענט פריער וואס נאכדעם (שפעטער) וועט זיין. – האבען זייא געענטפערט.

## פינפטע פראגע:

– וועלכער מענש ווערט גערופען א גבור (א שטארקער)? – האט אלכסנדר געפרעגט.

– הכובש את יצרו–האבען זייא געענטפערט–דאס הייסט: ווען דער יצר הרע רעדט אן א מענשען ער זאל זינדיגען אונ ער האט דיא געלעגענהייט צוא זינדיגען אונ דיא זינד וואלט איהם ברייננגען נוטצען נור ער שטארקט זיך אויף זיין יצר הרע אונ זינדיגט ניט, יענער מענש פאַרדינט דעם נאמען „גבור״.

## זעכסטע פראגע:

וועלכער מענש איז רייך? – האט אלכסנדר געפרעגט.

– דער מענש וואס איז אשמח בחלקו–האבען זייא געענט־פערט–דאס הייסט: ער זאל זיין צופרידען מיט זיין טהייל זויא פיעל ער האט.

## זיבענטע פראגע:

– וואס פאר מיטלען זאל א מענש טהאן–האט אלכסנדר געפרעגט–ער זאל לעבען?

– ער זאל זיך האלטען וויא געשטארבען–האבען זייא געענט־פערט–דאס הייסט ער זאל קיינעם ניט מקנא זיין ער זאל קיין כבוד זוכען, קיין לוקסוס געברויכען, קיין איבעריגע פערגניגען ניט זוכען, וועט ער לאנג לעבען.

### אַכְטֶע פְרַאגֶע :

– וָואס זָאל אַ מֶענְש טְהָאן–הָאט אלכסנדר גֶעפְרֶעגְט–וֶוען עֶר וִויל שְׁנֶעל שְׁטַארְבֶּען ? .

– עֶר זָאל גוּט לֶעבֶּען *) –הָאבֶּען זַייא גֶעעֶנְטְפֶערְט–ד. ה. עֶר זָאל זַיין צַייט פַארְבְּרֵיינְגֶען מִיט גְרוֹים פֶּערְגְנִיגֶען עֶר זָאל זוּכֶען גְרוֹים כָּבוֹד , עֶר זָאל טָאג אוּנ נַאכְט הָארֶעוֶען צוּא פַארְדִינֶען גֶעלְד וֶועט עֶר שְׁטַארְבֶּען פַאר דֶער צַייט . . .

### נַיינְטֶע פְרַאגֶע :

– וָואס זָאל אַ מֶענְש טְהָאן פַאר מַעֲשִׂים אַז דוּרְךְ דֶעם זָאלֶען אִיהְם מֶענְשֶׁען לִיבּ הָאבֶּען ? – הָאט אלכסנדר מוּקדוֹן גֶעפְרֶעגְט .

– עֶר זָאל קֵיין בֶּעקַאנְטְשַׁאפְט נִיט הָאבֶּען מִיט דֶעם קֶענִיג . אוֹיךְ נִיט מִיט זַיינֶע דִינֶער וֶועט אִיהְם קֵיינֶער מְקַנֵא זַיין , וֶועט עֶר לֶעבֶּען מִיט אַלֶעמֶען פְרֵידְלִיךְ .

– אַייעֶר עֵצָה גֶעפָאלְט מִיר נִיט–הָאט אלכסנדר גֶעזָאגְט צוּא זֵייא–אִיךְ הָאבּ אֲפִילוּ בֶּעסֶערֶע עֵצָה גֶעמְלִיךְ ; עֶר זָאל יָא אָפְטֶערְס קוּמֶען צוּם קֶענִיג אוּנ צוּא זַיינֶע בֶּעאַמְטֶע , וֶועט עֶר אַ מָאל קֶענֶען טְהָאן מֶענְשֶׁען אַ טוֹבָה וֶועלֶען זֵייא אִיהְם לִיבּ הָאבֶּען.

### צֶעהְנְטֶע פְרַאגֶע :

– וואו אִיז פַאר דֶעם מֶענְשֶׁען אַנְגֶענֶעהְמֶער צוּא וָואהְנֶען אוֹיף דֶער עֶרְד אָדֶער אוֹיף דֶעם יַם ?–הָאט אלכסנדר גֶעפְרֶעגְט .

אויף

*) אַנְדֶערֶע זָאגֶען עֶר זָאל אוֹיסְגֶעבֶּען מֶעהר וִויא פִיל עֶר פַארְדִינְט וֶועט עֶר מוּזֶען גַזְלֶן וֶועלֶען אִיהם מֶענְשֶׁען הַרְגֶענֶען . יהלו"ם

– אויף דער ערד–האָבען דיא זְקֵנִים גֶעעֶנְטְפֶערְט ווייל מִיר זֶעהֶען דאָס דיא ביישְׂעֶנְדֶער אויף דֶעם יַם זַיינֶען אוּנְצוּפְרִידֶען אוּנ זֵיי שְׁרֶעקֶען זִיךְ בִּיז זֵייא קוּמֶען אויף דֶער יַבָּשָׁה.

עֶלְפְטֶע פְרַאגֶע*):

– וֶוער פון אייך איז דֶער קְלִיגְסְטֶער? – הָאט אלכסנדר גֶעפְרֶאגְט.

– מִיר אַלֶע זַיינֶען גְלַייךְ אִין חָכְמָה אֵיינֶער אִיז נִיט קְלִיגֶער וויא דֶער צְווייטֶער, אַ בֶּעוַוייז קָאנְסְט דוּא זֶעהֶען אַז מִיר אַלֶע הָאבֶען גֶעעֶנְטְפֶערְט אויף דיינֶע פְרַאגֶען אַ גְלַייכֶען עֶנְטְפֶער.

צְוֶועלְפְטֶע פְרַאגֶע:

– וָוארום זֶענְט אִיהְר מִיר עֶנְטְגֶעגֶען? –הָאט אלכסנדר גֶע־פְרֶאגְט–דָאס אִיז דָאךְ אַ הֶעֲזָה פון אַייךְ נִיט מוֹרָא צוּ הָאבֶען פַאר דֶעם (גָאטט) וָואס אִיךְ הָאבּ מוֹרָא. דאכְט זִיךְ אִיהְר ווייסְט דָאס מִיר זַיינֶען מֶעהְר אוּנ שְׁטַארְקֶער פַאר אַייךְ, אוּנ אִיהְר זֶענְט אוּנְטֶערְטְהֶענִיג בֵּייא אוּנְז דַארְפְט אִיהְר דָאךְ טְהָאן אַזוֹיא וויא מִיר טְהוּעֶן.

– דָאס וָואס אִיהְר זֶענְט שְׁטַארְקֶער פַאר אוּנְז אוּנ מִיר זֶענֶען אוּנְטֶערְטְהֶענִיג בֵּייא אַייךְ–הָאבֶען דיא זְקֵנִים גֶעעֶנְטְפֶערְט–אִיז נָאךְ קֵיין בֶּעוַוייז נִיט אַז מִיר דַארְפֶען מוֹרָא הָאבֶען פַאר יֶענֶעם וָואס דוּא הָאסְט מוֹרָא. אָט זֶעהְסְט דוּא דָאךְ אַז דֶער יצר הרע אִיז זֶעהֶער שְׁטַארְק פִיל שְׁטַארְקֶער וויא דֶער מֶענְשׁ, אוּנ עֶר רֶעדְט אִיהְם אָן צוּ זִינְדִיגֶען...

שוֹטים

---

*) דֶער תַּלְמוּד רֶעכְנֶעט דיא פְרַאגֶע אַלְס דיא צֶעהְנְטֶע ווייל דיא זִיבֶּעטֶע אוּנ דיא אַכְטֶע רֶעכֶענְט דיא גְמָרָא פַאר אֵיין פְרַאגֶע.

יהלוים

– שׁוֹטִים !–הָאט אלכסנדר גֶעעֶנְטְפֶערְט– אִיהְר עֶרְלוֹיבְּט אַייךְ צוּא רָעדֶען גֶעגֶען מִיר מִיט הָעָזָה, וְוייסְט אִיהְר דֶען נִיט אַז אִיךְ בִּין אַ קֶאנִיג אונ אַז אִיךְ וֶועל פוּן יֶענֶע קֶאנִיגֶע פֶּערְלַאנְגֶען עֶרְלוֹיבְּנִישׁ אַייךְ צוּא הַארְגְנֶען וֶועלֶען זַייא מִיךְ גֶעוִויס עֶרְלוֹיבֶּען זֶענְט אִיהְר דָאךְ אִין מַיין הַאנְד.

– אֶמֶת–הָאבֶּען דִיא זְקֵנִים גֶעעֶנְטְפֶערְט–מִיר וְוייסֶען אַז דוּא הָאסְט קְרַאפְט אוּנְז צוּא טֶאטֶען. נוּר מִיר גְלוֹיבֶּען נִיט דָאס אַ קֶאנִיג זָאל חָלִילָה זָאגֶען אַ׳לִיגֶען, מִיר זַיינֶען זִיכֶער אַז דוּא וֶועסְט דָאס נִיט טְהָאן. וַוייל דוּא הָאסְט אוּנְז פְרִיהְר פַאַרְשְׁפְּרָאכֶען ־קיין שְׁלֶעכְטֶעס צוּא טְהָאן, אונ ־דיין וָואְרט אִיז בַּייא אוּנְז הֵיילִיג.–

אלכסנדר הָאט דִיא זְקֵנִים גֶעלָאזְט אָנְצִיהֶען מִיט טְהַייעֶרֶע קְלֵיידֶער פוּן פּוּרְפּוּר (דָאס אִיז אַ בֶּגֶד וָואס אַ גְרוֹיסֶער וִויכְטִיגֶער מַאן טְרָאגְט) אונ גָאלְדֶענֶע בֶּאנְדֶער אוֹיף זַייעֶרֶע הֶאלְדְזֶער.

---

## ו.

## דִיא הָרֵי חשֶׁךְ.

– אִיךְ וִויל גֵיין אִין לַאנְד אַפְרִיקא–הָאט אלכסנדר גֶעזָאגְט–גִיבְּט מִיר אַנְ׳עֵצָה וִויא זָאל אִיךְ אַהִין גֵיין?

– דָאס אִיז נִיט מֶעגְלִיךְ–הָאבֶּען דִיא זְקֵנִים גֶעעֶנְטְפֶערְט– דוּא וֶועסְט אַהִין נִיט קֶאנֶען גֵיין, וַוייל אוֹיף דֶעם וֶועג זַיינֶען פַאַראַן פִינְסְטֶערֶע בֶּערְג.

– אִיךְ מוּז דָארְטֶען גֵיין, עֶס קָאן נִיט זַיין אַז אִיךְ זָאל אַהִין נִיט גֵיין, דַארוּם פְרֶעג אִיךְ בַּייא אַייךְ אַנְ׳עֵצָה: וְוִיא אַזוֹיא אִיךְ זָאל קֶאנֶען אַהִין גֵיין?

— נֶעהם גְרוֹיסֶע אֵייזֶלֶען פוּן דֶער שְׁטָאט לוּד (מִצְרַיִם) — הָאבֶּען דִיא זְקֵנִים גֶעעֶנְטפֶערְט — זַייא גֶעהֶען אִין דֶער פִינְסְטֶער אוֹיךְ נֶעם אַ גְרוֹיסֶע קְנוֹיל שְׁטְרִיק, וְוִיא דוּא וֶועסְט קוּמֶען בַּייא דִיא הָרֵי חשֶׁךְ, וֶועסְט דוּא דִיא שְׁטְרִיק אָנְבִּינְדֶען, אוּנ דֶעם קְנוֹיל מִיט גֶעהְמֶען, קוּמֶענְדִיג אוֹיף יֶענֶע זַייט הרי חשך וֶועסְט דוּא דֶעם צְוַוייטֶען בְּרֶעג שְׁטְרִיק אָנְבִּינְדֶען, כְּדֵי צוּרִיקְגֶעהֶענְדִיג זָאלְסְט דוּא זִיךְ קֶאנֶען אָנְהַאלְטֶען אָן דִיא שְׁטְרִיק וֶועסְט דוּא נִיט בְּלָאנְדְזֶען אוּנ דוּא וֶועסְט קֶאנֶען קוּמֶען אַהֵיים בְּשָׁלוֹם.

אלכסנדר הָאט זַייא גֶעפָאלְגְט אוּנ עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעצוֹיגֶען אִין לַאנְד אַפְרִיקָא.

## ז.

## דִיא קְלוּגֶע וַוייבֶּער

אלכסנדר אִיז גֶעקוּמֶען אִין אַשְׁטָאדְט וָואס דָארְטֶען זַיינֶען גֶעוֶועזֶען נוּר פְרוֹיֶען. קַיין אֵיינְצִיגֶער מַאנְסְפֶּערְזָאהן אִיז דָארְטֶען נִיט גֶעוֶועזֶען *) הָאט אלכסנדר גֶעוָואלְט מִיט זַייא מִלְחָמָה הַאלְטֶען, הָאבֶּען דִיא וַוייבֶּער צוּא אִיהם גֶעזָאגְט, אוֹיבּ דוּא וֶועסְט אוּנְז בְּעזִיגֶען, וֶועסְט דוּא פוּן דֶער מִלְחָמָה קַיין גְרוֹיס כָּבוֹד נִיט הָאבֶּען וַוייל דִיא וֶועלְט וֶועט זָאגֶען: אלכסנדר הָאט בֶּעזִיגְט פְרוֹיֶען, עֶר הָאט גֶעהַארְגֶעט שְׁוַואכֶע פְרוֹיֶענְצִימֶער.

אוּנ

*) דִיא מֶאנֶער זַיינֶען גֶעוֶועזֶען אַנְטְלָאפֶען פוּן שְׁטָאדְט וַוייל זַייא הָאבֶּען מוֹרָא גֶעהַאט צוּ הַאלְטֶען מִלְחָמָה מִיט אלכסנדרן.

יהלו"ם

אונ אויב מיר װעלין דיך בּעזיגען, װעסט דוא האבּען גרויסע בּזיונות, דיא „װעלט״ װעט זאגען דאס װײַבּער האבּען בּעזיגט דעם גרויסען אלכסנדר, דארום גיבּען מיר דיר אַן־עצה דאס דוא זאלסט מיט אונז קיין מלחמה האלטען.

– איך וויל מיט אייך קיין מלחמה ניט האלטען – האט אלכסנדר געענטפערט–נור איך פערלאנג פון אייך איהר זאלט מיר געבּען ברויט צוא עססען.

– דיין פערלאנג – האבּען דיא פרויען געענטפערט װעלין מיר באלד ערפילען, װארט אַקליינע װיילע.

עס האט ניט לאנג געדויערט האבּען דיא װײַבּער געבּראכט אַ גאלדענעם לאבּען ברויט אויף אַ גאלדענעם טיש.

אלכסנדר האט זיך זייער שטארק געוואונדערט אונ ער האט געזאגט צוא דיא װײַבּער–קאן דען אַמענש עססען גאלדענע ברויט?–אויב דוא ווילסט עססען ברויט וויא אַלע מענשען עססען האבּען דיא װייבּער געענטפערט האסט דוא דאך ניט בּעדארפט קומען צוא אונז אַזא װייטע װעג אין אַזעלכע גרויסע סכנות נפשות, ברויט וויא אַלע מענשען עססען האסט דוא דאך געקאנט בּעקומען אין דיין לאנד. דארום האבּען מיר געזענט אַז דוא ווילסט עססען גאלדענע ברויט האבּען מיר דיר געבּראכט גאלדענע ברויט.

אלכסנדר האט ניט געהאט װאס צוא ענטפערין, אַז ער איז ארויסגעצויגען פון יענער שטאדט האט ער אויף דעם טהויער פון שטאדט אויפגעשריבּען דיא װערטער: „איך אַלעקסאַנדער מוקדון בּין געװען אַנארר בּיז איך בּין געקומען אין אַפריקא אין דער שטאדט וואו עס זיינען פּאבּאן נור װײַבּער. אונ פון זייא האבּ איך געלערנט גרויס חכמה אונ פּראקטיקע...

אלכסנדר

---

# ח.

# דער מִשְׁפָּט צֶדֶק

אלכסנדר האָט גֶעבייזט וַוייט אין אַפְרִיקא, ער האָט בֶּעפוילין אויף דעם קאֶניג "קצי" דאס ער זאָל קוּמֶען צוּ איהם.

דער קאֶניג קצי האָט איהם גֶעפָאלְגְט. ער איז גֶעגַאנְגֶען צוּ איהם מיט אַרייכֶע מַתָּנָה האָט איהם בֶּעעֶהְרְט. ער האָט מיט גֶענוּמֶען גָאלְדֶערנֶע אֶפְּפֶעל, גָאלְדֶערנֶע לֶעבְּלֶעךְ בְּרוֹיט, אויף גָאלְדֶענֶע טִישֶׁען.

– בַּייא אייךְ אין לַאנְד עֶסְט מֶען גָאלְדֶענֶע בְּרוֹיט?– האָט אלכסנדר גֶעפְרֶאגְט.

– אֵיינְפַאכֶע בְּרוֹיט–האָט דער קאֶניג קצי גֶעעֶנְטְפֶערְט–האָסְט דוּא דאָךְ גֶעקֶאנְט בֶּעקוּמֶען בַּייא דיר אין דַיין לַאנְד. צוּ לִיבּ בְּרוֹיט וויא אַלֶע מֶענְשֶׁען עֶסֶען, האָסְט דוּא דאָךְ ניט גֶעבְּרוֹיכְט גֶעהֶען אַזַא וַוייטֶע וֶועג אַז בִּיז מַיין לַאנְד, וַוארְשֵׁיינְלִיךְ ווילְסְט דוּא גָאלְד, האָבּ איךְ דיר גֶעבְּרַאכְט דאס וָואס דוּא פַארְלַאנְגְסְט.

– ניט צוּא לִיבּ גָאלְד בִּין איךְ אַהֶער גֶעקוּמֶען–האָט אַלֶכְּסַנְדֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט–נוּר צוּא לִיבּ אַנאַנְדֶער זַאךְ, איךְ ווִיל זֶעהֶען אַייעֶרֶע גֶעזֶעצְטֶע וויא איהר אורְטְהֵיילְט אַסְכְסוּךְ צוּא ווִישֶׁען מֶענְשֶׁען.

ויהי היום. אֵיינֶעם טָאגֶעם, איז אלכסנדר גֶעזֶעסֶען מיט דעם קאֶניג קצי אין גֶעריכְטְס הויז, זַיינֶען צְוֶוייא מֶענְשֶׁען גֶעקוּמֶען האָבֶּען אַמִשְׁפָּט פַאר דעם קאֶניג.

– איךְ האָבּ בַּייא דעם מֶענְשֶׁען גֶעקוֹיפְט אַפְּלַאץ–האָט אֵיינֶער אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּא רֵיידֶען–איךְ האָבּ אויף דעם פְּלַאטְץ גֶעוָואלְט בּוֹיעֶן אַ הויז, וויא איךְ האָבּ אָנְגֶעפַאנְגֶען גְרָאבֶּען דעם פוּנְדַאמֶענְט

האָב

הָאב אִיךְ גֶעפִינֶען אִין דֶער עֶרד אַנ׳אוֹצָר. הָאב אִיךְ בַּאלְד גֶענוּמֶען דֶעם אוֹצָר אַוֶועקְגֶעטְרָאגֶען צוּא דֶעם מֶענְשֶׁען אִיהם אָבְּגֶעבֶּען, וַוייל נָאךְ מֵיינֶער מֵיינוּנְג גֶעהֶארְט דֶער אוֹצָר צוּ אִיהם, אִיךְ הָאב בַּייא אִיהם גֶעקוֹיפְט נוּר דֶעם פְּלַאטְץ אָבֶער נִיט דֶעם אוֹצָר וְויל עֶר נִיט צוּא גֶעמֶען דֶעם אוֹצָר.

– וְויא אַזויא וֶועל אִיךְ צוּגֶעהְמֶען דֶעם אוֹצָר? – הָאט דֶער צְוֵוייטֶער בַּעַל דִין גֶעעֶנְטְפֶערְט – אִיךְ הָאבּ אִיהם פַארְקוֹיפְט דֶעם פְּלַאטְץ אוּנ אַלְס וָואס דארִין אִיז פַארַאן גֶעהֶערְט דֶער אוֹצָר צוּא אִיהם.

– הָאסְט דוּא אַזָאהן? – הָאט דֶער קֶאנִיג גֶעפְרֶאגְט בַּייא אַיין בַּעַל דִין – וָואס עֶר דַארְף חֲתוּנָה הָאבֶּען.

– יַא – הָאט דֶער בַּעַל דִין גֶעעֶנְטְפֶערְט.

– אוּנ דוּא – הָאט דֶער קֶאנִיג גֶעפְרֶאגְט בַּייא דֶעם צְוֵוייטֶען בַּעַל דִין – הָאסְט דוּא אַטָאכְטֶער וָואס זִיא בְּרוֹיכְט הֵייראטֶען?

– יַא הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט.

– פֶּארְהֵיירַאטְהֶעט דִיא קִינְדֶער – הָאט דֶער קֶאנִיג אַרוֹיסְגֶעגֶעבֶּען זַיין אוּרְטְהֵייל אוּנ גִיבְּט זֵייא אָפּ דֶעם אוֹצָר.

דֶער קֶאנִיג קצי הָאט בַּאמֶערְקְט דָאס אלכסנדר וואוּנְדֶערְט זִיךְ זֶעהֶער, הָאט עֶר בַּייא אִיהם גֶעפְרֶעגְט: וֶוען אַזַא מִשְׁפָּט זָאל מְרֶעפֶען אִין אֵייעֶר לַאנְד וְויא וָואלְט אִיהר גֶעמִשְׁפְּט?

– דֶעם אוֹצָר – הָאט אַלֶכְּסַנְדֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט – וָואלְט צוּגֶעהֶמֶען דִי רֶעגִירוּנְג אוּנ דִי צְוֵוייא בַּעֲלֵי דִינִים וָואלְטֶען בַּאשְׁטְרָאפְט וֶוערִין.

– אִין אֵייעֶר לַאנְד שֵׁיינְט דִיא זוּן? – הָאט דֶער קֶאנִיג קצי גֶעפְּרֶאגְט – אוּנ עֶס רֶעגֶענְט אוֹיךְ?

– יַא – הָאט אלכסנדר גֶעעֶנְטְפֶערְט – דִיא זוּנְן שֵׁיינְט אוּנ עֶס רֶעגֶענְט.

בהמות

– בְּהֵמוֹת זַיינֶען פַאראַן בּייא אייך? – הָאט דֶער קֶאנִיג קצי גֶעפְרֶעגְט.

– יַא – הָאט אלכסנדר גֶעעֶנְטְפֶערְט.

– אוֹיב אַזוֹיא – הָאט דֶער קֶענִיג קצי גֶעעֶנְטְפֶערְט – שַׁיינְט בּייא אַייך דִיא זוּנְן אוּנ עֶס רֶעגֶענְט נוּר צוּלִיב דִי בְּהֵמוֹת...

(תלמוד ירושלמי בבא מציעא דף ח'. בר"ר פ'. ל"ג ויקרא פ' כ"ז.)

## ט.

# אַלֶכְּסַנְדֶר בַּייא דֶער טִיהר פוּן גַן עֵדֶן:

אַז אלכסנדר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּרִיק פוּן אַפְרִיקָא הָאט עֶר זִיךְ גֶעזֶעטְצְט בַּייא אַקְוַואל וַואסֶער, עֶר הָאט גֶעוָואלְט עֶסֶען בְּרוֹיט מִיט הֶערִינְג. וִויא עֶר הָאט דֶעם הֶערִינְג אָבְּגֶעוַואשֶׁען אִין דִיא קְוַואל וַאסֶער אִיז פוּן קְוַואל אַרוֹיס וִויא אַ ווִינְד. עֶר אִיז אַריין אִין דֶעם הֶערִינְג, אוּנ דֶער הֶערִינְג אִיז לֶעבֶּעדִיג גֶעוָואֹרֶען.

– דֶער קְוַואל – הָאט אלכסנדר גֶעזָאגְט – קוּמְט גֶעוִויס פוּן גַן עֵדֶן.

אַנְדֶערֶע (חֲכָמִים) זָאגֶען דָאס אלכסנדר הָאט גֶענוּמֶען אַבִּיסֶעל וַואסְסֶער פוּן קְוַואל אוּנ הָאט זִיךְ דֶערְמִיט גֶעוַואשֶׁען זַיין פָּנִים. אוּנ אַנְדֶערֶע זָאגֶען: דָאס אלכסנדר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט דִיא וֶועג וִויא דָאס וַואסֶער הָאט זִיךְ גֶעצוֹיגֶען וַוייטֶער בִּיז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּא דֶעם טְהוֹיעֶר פוּן גַן עֵדֶן.

– אָפֶּענְט דֶעם טְהוֹיעֶר – הָאט אלכסנדר אַרוֹיס גֶעשְׁרַייא גֶעגֶעבֶּען, אִיךְ וִויל אַריינְגֵיין אִין גַן עֵדֶן.

דער

– דֶער טְהוֹיֶער גֶעהֶערְט צוּא גָאט–הָאט מֶען אִיהם גֶעעֶנְטְ־פֶערְט–דוּרְךְ דֶעם טְהוֹיֶער קָאנֶען נוּר צַדִיקִים אַרייִנְקוּמֶען.

– אִיךְ בִּין אַקֶאנִיג–הָאט אלכסנדר גֶעשְׁרִיעֶן–בִּין אִיךְ וַואר־שֵׁיינְלִיךְ אַחָשׁוּבֶער מַאן בַּייא גָאטט, נוּר אוֹיב אִיהר וְוילְט מִיר בְּשׁוּם אוֹפֶן נִיט אַרייִנְלָאזֶען אִין גַן עֵדֶן, בִּיטֶע אִיךְ אֵייךְ גִיבְּט מִיר עֶטְוָואס פוּן דָארְט, אִיךְ זָאל הָאבֶען צוּם אַנְדֵיינְקֶען דָאס אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּייא דִיא טְהִיר פוּן גַן עֵדֶן.

– דַיין פֶערְלַאנְג וֶועלֶען מִיר בַּאלְד עֶרְפִילֶען–הָאט אלכסנדר גֶעהֶערְט אַשְׁטִימֶע פוּן יֶענֶעם זַייט טְהוֹיֶער–אוּנ בַּאלְד הָאט מֶען אִיהם גֶעגֶעבֶּען אַנְ'אוֹיג פוּן אַמֶענְשֶׁען.

אלכסנדר הָאט דִיא אוֹיג גֶעבְּרַאכְט צוּא זִיךְ אַהֵיים. עֶר הָאט אִיהר אַרייִנְגֶעלֵייגְט אִין אַשָׁאל אוּנ אַלֶע זַיינֶע זִילְבֶּער אוּנ גָאלְד הָאט עֶר אַרייִנְגֶעלֵייגְט אִין דִיא צְווייטֶע שָׁאל, עֶר הָאט גֶעוָואלְט וִויסֶען וִויפִיל זִיא וֶועגְט, הָאט דִיא וָואג שָׁאל וואו דִיא אוֹיג אִיז גֶעלֶעגֶען אַרָאפּ גֶעצוֹיגֶען זַיינֶע גַאנְצֶע זִילְבֶּער אוּנ גָאלְד.

אלכסנד הָאט גֶעפְרֶעגְט בַּייא דִיא רבנן דִיא אוּרְזַאכֶע דֶערְפוּן. הָאבֶען זֵייא אִיהם גֶעעֶנְטְפֶערְט: וַוייל דָאס אִיז אַנְ'אוֹיג פוּן אַמֶענְשֶׁען וָואס עֶר וֶוערְט קֵיין מָאל נִיט זַאט צוּזַאמְלֶען זִילְבֶּער אוּנ גָאלְד פוּן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט. דֶעם גַאנְצֶען לֶעבֶען זוּכְט עֶר צוּ בֶּעקוּמֶען זִילְבֶּער אוּנ גָאלְד, עֶר בַּאגְנוּגֶענְט זִיךְ קֵיין מָאל נִיט, וָואס עֶר הָאט אִיז אִיהם וֶועניג, בִּיז עֶר שְׁטַארְבְּט אוּנ עֶר וֶוערְט מִיט עֶרְד בַּאשָׁאטֶען דֶענְסְטְמָאל בְּרוּךְ עֶר שׁוֹין גָאר נִישְׁט אוּנ דִיא אוֹיג וֶועגְט זֶעהֶער וֶועניג.

– קָאנְט אִיהְר מִיר דָאס רִיכְטִיג בֶּעווייזֶען?–הָאט אלכסנדר גֶעפְרֶעגְט–.

– יַא – הָאבֶּען דִיא רַבָּנָן גֶעעֶנְטְפֶּערְט–אָט פְּרוּבִּיר בַּאשִׁיט דִיא אויג מִיט אַבִּיסֶעל עֶרְד וֶועט זִיא וֶוערֶען גְרִינְג דָאס אַקְלֵיינֶע זַאךְ וֶועט קָאנֶען אַרָאפְּצִיהֶען דִיא וָואג שָׁאל.

– וואו הָאט אִיהְר דִיא חָכְמָה גֶעלֶערְנְט?–הָאט אלכסנדר גֶעפְרֶעגְט.–

– פוּן שלמה המלך'ס סֵפֶר–הָאבֶּען דִיא רַבָּנָן גֶעעֶנְטְפֶּערְט– עֶר זָאגְט (משלי כ"ז כ׳.) שאול ואבדון לא תשבענה ועיני האדם לא תשבענה. דָאס אִיז טַייטְשׁ: הֶאלְלֶע אוּנ אָבְּגְרוּנְד וֶוערֶען קֵיין מָאל נִיט פָאל אוּנ דֶעם מֶענְשֶׁען אוֹיגֶען זַיינֶען אוֹיךְ אוּנְ-עֶרְזַאטְטְלִיךְ. קֵיין מָאל נִיט זַאטט עֶר בַּאגְנוּגֶענְט זִיךְ נִיט, וויפִיל עֶר הָאט אִיז אִיהְם וֶוענִיג, (תמיד פרק רביעי).

---

## י.

## דָם נָקִי.

אִין אלכסנדריא אִין מִצְרַיִם הָאבֶּען דִיא יוּדֶען אויסגֶעבּוֹיט אַ גְרוֹיסֶע שׁוּל, אַז אלכסנדר מוקדון אִיז דָארְטֶען גֶעקוּמֶען עֶר הָאט גֶעזֶעהֶען דִיא בְּרֵייטְקַייט אוּנ שֵׁאנְהַייט פוּן דִיא שׁוּל. הָאט דָאס אִיהְם פַארְדְרָאסֶען. הָאט עֶר דִיא יוּדֶען אַרוֹיסְגֶעטְרִיבֶּען פוּן שׁוּל אוּנ מִיט זַיין שַׁארְפֶען שְׁוֶוערְד, הָאט עֶר זֵייא גֶהַרְגֶעת.

(סוכה דף נ"א)

---

# י״א.

## דִיא שְׁטְרָאפְּף.

בְּעֵת, אִין דֶער צַייט וָואס אלכסנדר מוקדון הָאט גֶעבְּרוֹיכְט קוּמֶען אִין יְרוּשָׁלַיִם. הָאבֶּען דִיא כּוּתִים (אַזַא סֶעקְטֶע) גֶעמַסֶרְת אוֹיף דִיא יוּדֶען, זַייעֶר כַּוָנָה אִיז גְעוֶוען דָאס אלכסנדר זָאל וֶוערֶען אִין כַּעַס אוֹיף דִיא יוּדֶען.

– דוּא זָאלְכְט וִויסֶען, גְרוֹיסֶער קֶאנִיג–הָאבֶּען דִיא כּוּתִים צוּא אִיהְם גֶעזָאגְט–אַז דוּא וֶועסְט קוּמֶען אִין ירושלים אוּנ דוּא וֶועסְט גֶעהֶען אִין בית המקדש זֶעהֶען דָאס גְרוֹיסֶע רַייכֶע הוֹיז אוּנ דוּא וֶועסְט פֶּערְלַאנְגֶען צוּא זֶעהֶען דֶעם קדש הקדשים וֶועלֶען דִיר דִיא כֹּהֲנִים נִיט עֶרְלוֹיבֶּען אַרַיינְצוּגֶעהֶען דָארְטֶען אִין קדש הקדשים אִינְגֶעוֶוייגִיג.

גְבִיעַ בֶּן קוּסֶם הָאט זִיךְ דֶערְווּאוּסְט פוּן זַייעֶר מְסִירָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער חָכָם, זֶעהֶער אַלְט מִיט פִיל יָאהְרֶען *) עֶר הָאט גֶעהַאט אַ פּוּקֶעל (הוֹיקֶער, הָארְב) אוֹיף זַיין רוּקֶען

דֶער גְבִיעַ הָאט גֶעלָאזְט מַאכֶען אַ פָּאאר שׁוּה (שִׁיךְ) פוּן פַיינֶעם וָואל גֶעהַאפְט (גֶעשְׁטִיקְט אוֹיסְגֶענֶייט) מִיט טְהַייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער, זַייא הָאבֶּען גֶעקָאסְט אַ גְרוֹיסֶע סוּמְמֶע גֶעלְד, אוּנ וִויא אלכסנדר אִיז גֶעקוּמֶען אִין ירושלים, אוּנ עֶר אִיז גֶענַאנְגֶען אוֹיף דֶעם הר הבית, אִיז גְבִיעַ מִיט אִיהְם מִיטְגֶענַאנְגֶען.

– אִיךְ בִּיטֶע דִיר, הֶערר קֶאנִיג–הָאט גְבִיעַ גֶעזָאגְט–צִיהֶע אָן דִיא שׁוּה אוֹיף דַיינֶע פִים וַוייל אִיךְ הָאבּ מוֹרָא טָאמֶער



*) וִויא דֶער פָּסוּק זָאגְט ואברהם זקן בא בימים (בראשית כ״א, ד׳).

װעלען דעם קאָניג פּים חלילה זיך אויסגליצען אויף די גלאַטע שטיינער.

דער קאָניג האָט אַזױא געטהאָן.

װיא זייא זיינען געקומען בייא דער טהיר פון קדש הקדשים האָט נביא געזאָגט צוא דעם קאָניג יעדער פרעמדער ער מעג זיין דער גראָסטער... טאָר ער ניט אַריינגעהען אין קדש הקדשים און אַז ער געהט יאַ אַריין מוז ער שטאַרבען, אַפילו דער כהן גדול דאַרף אויך נור איין מאָל אין יאָהר — יום הכפורים — אַריינגעהען דאָרט און מעהר ניט.

— בייא מיינעם אַרויסגעהען פון דאָרט בשלום — האָט אלכסנדר געענטפערט — װעל איך דיין פּוּקעל מאַכען גלייך *)

— אויב אַזוֹיא — האָט נביא געענטפערט — װעסט דוא זיין אַגרױסער דאָקטאָר, און דוא װעסט פיעל געלד פאַרדינען.

װיא דער קאָניג איז אַרויסגעגאַנגען פון קדש הקדשים, האָט אַשלאַנג איהם אַביס געגעבען, און ער האָט זיך דערפון ניט געקאָנט אויסהיילען. (געזונד װערן) (סנהדרין צ״א. מגלת תענות)

**הערת המעתיק:**

דיא כותים האָבען אַלע מאָל געװאָלט דיא יודען טהאָן שלעכטעס, זייא פלעגען שטילערהייט מסרן אויף דיא יודען פאַר דיא פרעמדע קאָניגע װייל זייא האָבען מורא געהאַט פאַר דיא יודען זייא צו טהאָן אָפענטליך שלעכטעס דאַרום האָבען זייא געזוכט אַשטאַרקע האַנד װאָס זאָל קאָנען שלעכטעס טאהן

*) ד. ה. אויסגלייכען איהם מיט אַשטעקען.

יהלו״ם

מְדָאן דִיא יוּדֶען, יֶעטְצְט אַז זַייא הָאבֶּען גֶעפוּנֶען אַזַא גוּטֶע גֶעלֶעגֶענְהַייט צוּ מַסֶרְן דִיא יוּדֶען פַאר אלכסנדר'ן הָאבֶּען זַייא דָאס גֶעטְהָאן מִיט גְרוֹיס פֶּערְגְנִיגֶען. פִילַייכְט וֶועט עֶר זַייא בַּאשְׁטְרָאפֶען וֶועלֶען דִיא כּוּתִים זֶעהֶען אַנְקָמָה אָן דִיא יוּדֶען.

פַאר וָואס דִיא כּוּתִים זַיינֶען מִין כַּעַס גֶעוֶוען אוֹיף דִיא יוּדֶען, אִיז גָאר קֵיין פְרַאגֶע נִיט. וַוייל יצר לב האדם רע מנעוריו. דֶערְפַאר קוּמְט אצדיק שכר וַוייל עֶר פִיהְרְט אַגְרוֹיסֶע מִלְחָמָה גֶעגֶען דֶעם יצר הרע. אוּנ אַז עֶר בֶּעזִיעגְט אַזַא גֶעפֶערְ־לִיכֶען פַיינְד קוּמְט אִיהם אַמֶעדַאיל פַאר זַיין הֶעלְדֶענְמוּטְה, עֶר וֶוערְט גֶערוּפֶען גִבּוֹר.

דִיא מִלְחָמָה מִיט דֶעם יצר הרע אִיז דִי גְרֶאסְטֶע, שְׁוֶועהְרְסְטֶע אוּנ שְׁטַארְקְסְטֶע מִלְחָמָה. אַלֶע מִלְחָמוֹת וֶוען אֵיינֶער גֶעוִוינְט, אִיז עֶר זִיכֶער דָאס זַיין שׂוֹנֵא וֶועט אִיהם אַזוֹיא שְׁנֶעל נִיט צֶעפֶען עֶר וֶועט מוֹרָא הָאבֶּען פַאר אִיהם. נִיט אַזוֹיא אִיז דֶער יצר הרע, וֶוען דוּא הָאסְט אִיהם אִין אֵיין פְרַט בֶּעזִיגְט, שֶׁעמְט עֶר זִיךְ נִיט אוּנ שְׁרֶעקְט זִיךְ נִיט צוּ מַאכֶען אַפְּרָאבֶּע אוֹיף אַנַאנְדֶער זַאךְ... דָאס הוֹיפְּט הָאט דֶער יצר הרע לִיבּ אַנְצוּרֵיידֶען אַמֶענְשֶׁען עֶר זָאל רֵיידֶען לָשׁוֹן הָרָע, וַוייל דֶערְמִיט הַרְגֶ'ת עֶר דְרַייא מֶענְשֶׁען אוֹיף אֵיין מָאל. דֶעם מֶענְשֶׁען וָואס רֶעדְט דִיא לָשׁוֹן הָרָע, אוּנ אוֹיף וֶועמֶען עֶר רֶעדְט, אוּנ דֶער וָואס אִיז מְקַבֵּל דִיא לָשׁוֹן הָרָע.

אוֹיךְ זֶעהֶען מִיר פוּן דֶעם סִפּוּר אַז דִיא יוּדֶען זַיינֶען אַלֶע מָאל גֶעוֶוען גֶעטְרַייא דֶעם קֶענִיג וָואס הָאט אִיבֶּער זַייא רֶעגִירְט. נוּר וִויא אַפַּארְצַייטִיגֶער קֶענִיג הָאט גֶעוָואלְט אָנְרִיהְרֶען זַייעֶר אֶמוּנָה, הָאבֶּען זַייא זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען, זַייא זַיינֶען גֶעגַאנְגֶען אוֹיף קידוש השם. זַייא הָאבֶּען זִיךְ נִיט גֶעשֶׁעמְט פַאר דֶעם

גראסטען קאניג צו ביטען איהם, ער זאל זייא ניט שטערן זייער אמונה מקיים צו זיין אזוי וויא „גביע״ האט זיך מוסר נפש געוועזן מקדש השם צוא זיין.

דיא מסירת נפש צוא היילינגען נאטטעס נאמען האט דעם יודען בכלל דורכגעפיהרט. דיא גראסטע פייערן... דיא גיפטיגסטע שלאנגען האבען מיט זייערע שטארקע גיפט ניט געקאנט טאטען דעם יודען. דער רעצעפט וואס זיין נאמען איז „שמע ישראל ה׳ אלקינו ה׳ אחד״ האט איהם שנעל אויס־געהיילט אלע זיינע וואונדען. און מיט דעם כח פון דעם היילינגען רעצעפט עקסעסטירט דער יוד עד היום הזה. און ער וועט עקסעסטירען וויא לאנג דיא וועלט וועט שטעהען. ער מיט זיין תורה וועלען קיין מאל ניט פארלארען ווערען טייל די הבטחה האבען מיר פון דעם בורא עולם!

---

## יב.

# אלכסנדר מיט דעם אדלער.

דער קאניג אלכסנדר מוקדון האט זיך געזעטצט אויף אנאדלער און ער איז מיט איהם אזויא הויך געפלויגען. אז דיא ערד האט ער געזעהען וויא א קויל רונד. און דעם ים וויא א טעללער.

(תלמוד ירושלמי ע״ז דף י״ח ע״ב).

הערות המתיק

די „וועלט״ ערצייעלט דאס אלכסנדר האט זיך צוגעבונדען אן א גרויסען אדלער. אין זיין האנד האט ער געהאלטען א שפיז

אויף

אויף דֶעם שְׁפִּיטְץ שְׁפִּיז איז גֶעוֶוען אַגְרוֹיסֶע שְׁטִיק פְלֵייש, ֶער הָאט דֶעם שְׁפִּיז מִיט דָאס פְלֵייש גֶעהַאלְטֶען אַ בִּיסֶעל הֶעכֶער אִיבֶּערְן אָדְלֶער, הָאט דֶער אָדְלֶער, גֶעוָואלְט חַאפֶּען דִי פְלֵייש איז ֶער גֶעפְלוֹיגֶען הֶעכֶער אוּנ הֶעכֶער. אַז אלכסנדר הָאט גֶעוָואלְט אַרָאפְּנִידֶערְן אוֹיף דֶער ֶערְד, הָאט ֶער דֶעם שְׁפִּיז מִיט דִיא שְׁטִיק פְלֵייש אַרָאפְּגֶעלָאזֶען הָאט זִיךְ דֶער אָדְלֶער אַרָאפְּגֶעלָאזֶען בִּיז אוֹיף דֶער ֶערְד.

דִיא לֶעגֶענְדֶעס בִּכְלַל וֶוערֶען ֶערְצֶעהְלְט אוֹיף פֶערְשִׁידֶענֶע אַרְטֶען. מִיר זַיינֶען מאמינים בני מאמינים מִיר גְלוֹיבֶּען מִיטְן גַאנְצֶען הֶערְצֶען אַז דָאס וָואס דֶער תַּלְמוּד ֶערְצֶעהְלְט אִיז גֶעוִויס אֱמֶת. פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען וֶועלֶען מִיר שְׁרַייבֶּען דָאס וָואס דִיא ספְרֵי חוֹל שְׁרַייבֶּען אַנְדֶערְשׁ וִויא אִין תַּלְמוּד אִיז גֶעשְׁרִיבֶּען לְמָשָׁל: דִיא ֶערְשְׁטֶע לֶעגֶענְדֶע וָואס מִיר הָאבֶּען אִיבֶּערְזֶעטְצְט פוּן יומא ס״ט, שְׁרַייבְּט פלאוויוס: (יוסף בן גוריון הכהן) אלכסנדר מִיט זֶעהֶער פִּיל גִבּוֹרִים זַיינֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן מוקדון זֵייא הָאבֶּען מִלְחָמָה גֶעהַאלְטֶען מִיט דֶעם קֶאנִיג דריוש פוּן פרס. ֶער הָאט נָאכְדֶעם מִלְחָמָה גֶעהַאלְטֶען מִיט דריוש גוּטֶע פְרַיינְד אלכסנדר הָאט בֶּעזִיגְט דִיא מִצְרַיִם, אוּנ דִיא לַאנְד אֱדוֹם ֶער אִיז גֶעקוּמֶען צוּא דֶעם בְּרֶעג יָם אוּנ הָאט גֶעשְׁלָאגֶען דִי שְׁטָאדְט עכו, אשקלון אוּנ עזה, נָאכְדֶעם הָאט ֶער זִיךְ צוּבֶּערֵייט גֶעהֶען אִין יְרוּשָׁלַיִם אִיהְר חָרוּב מַאכֶען וַוייל זֵייא זַיינֶען גֶעוֶוען גוּטֶע פְרַיינְד מִיט דריוש פוּן עזה הָאט ֶער מִיט אַלֶע זַיינֶע גִבּוֹרִים גֶענַאנְגֶען נָאךְ יְרוּשָׁלַיִם, זֵייא זַיינֶען גֶעקוּמֶען נִיט וַוייט פוּן יְרוּשָׁלַיִם זַיינֶען זֵייא גֶעבְּלִיבֶּען נָאכְטִיגֶען, אַבִּיסֶעל זִיךְ אוֹיסְרוּהֶען פוּן וועג, זֵייא זָאלֶען הָאבֶּען כֹּחַ צוּא שְׁטְרַייטֶען.

בייא

בייא נאכט ווייא אלכסנדר האט איינגעשלאָפען, האט ער אין חלום געזעהען אַמענש אָנגעצויגען אין ווייסע קליידער שטעהט בייא זיין קאָפּף. אין זיין האנד האלט ער אַ גרויסען שווערד. וואס שיינט וויא אַבליץ בעת עס רעגענט. דער שרעקליכער מאן האט אויפגעהייבען זיין שווערד איבער אלכסנדרס קאָפּף. דער קאָניג האט זיך זעהער שטארק ערשראָקען, אונ ער האט געזאָגט צוא דעם מאן: ווארום וויל דער הערר טאָטען זיין קנעכט? דער מאן האט איהם געענטפערט: איך בין דער מלאך וואס גאט האט מיך געשיקט איינצונעהמען אַלע פאָלקער וועלכע דוא האסט מיט זייא געשטריטען. דורך מיין קראפט האסט דוא דיא גראָסטע אונ שטארקסטע פאָלקער בעזיגט אָבער יעטצט אַז דוא געהסט טהאן שלעכטעס דיא כהנים אין ירושלים אונ אַלע אידען. מוז איך דיך דערפאר הרגנען.

— פערצייהע מיין הערר—האט אלכסנדר געענטפערט—אויב דוא פערלאנגסט וועל איך צוריק געהען.

— שרעק דיך ניט—האט דער—מאן געענטפערט—איך בין דיר מוחל אונ דוא קאנסט געהען אין ירושלים. נור איך זאג דיר אָן שטרייננ: אַז דוא וועסט קומען ניט וייט פון ירושלים וועסט דוא באגעגנען אַמענשען אָנגעטהאן אין ווייסע קליידער וויא דוא זעהסט מיך. אונ זיין הויך אונ פנים אויך וויא איך זעהעט אויס, זאלסט דוא זיך בוקען פאר איהם ביז צוא דער ערד אונ וואס ער וועט דיר זאגען מוסט דוא טהאן. אונ אויב דוא וועסט איהם ניט פאָלגען וועסט דוא באלד שטארבען.

אלכסנדר האט אויפגעוואכט אונ ער מיט זיינע גבורי זיינען געגאנגען נאך ירושלים.

חנניה

חנניה (?) דֶער כֹּהֵן גָדוֹל מִיט אַלֶע אִידֶען וָואס וָואהְנֶען אִין יְרוּשָׁלַיִם הָאבֶּען גֶעהֶארְט דָאס אלכסנדר קוּמְט צוּא זַיי הַאלְטֶען מִלְחָמָה . הָאבֶּען זַייא זִיךְ שְׁטַארְק עֶרְשְׁרָאקֶען זַיי הָאבֶּען גֶעפַאסְט אוּנ גֶעבֶּעטֶען גָאט עֶר זָאל דִיא שְׁטָאדְט נִיט חָרוּב מַאכֶען .

נָאכְן תַּעֲנִית אִיז חנניה אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען גֶעגֶען אלכסנדר'ן . מִיט אִיהְם זַיינֶען מִיטְגֶעגַאנְגֶען דִיא כֹּהֲנִים אוּנ דָאס גַאנְצֶע פָאלְק . זַייא זַיינֶען דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען דֶעם מְהוֹיעֶר פוּן שְׁטָאדְט , אוּנ זַייא הָאבֶּען גֶעטְרָאפֶען אלכסנדר'ן .

ווִיא אלכסנדר הָאט פוּן וַוייטֶען דֶערְזֶעהֶען דֶעם כֹּהֵן גדול אִיז עֶר אַרָאפְּגֶעגַאנְגֶען פוּן זַיין וָואגֶען אוּנ הָאט זִיךְ צוּא אִיהְם גֶעבּוּקְט בִּיז דֶער עֶרד .

– וָוארוּם בּוּקְסְט דוּא זִיךְ צוּא אַ מֶענְשֶׁען וָואס עֶר הָאט קֵיין קְרַאפְט צוּא הַאלְטֶען מִיט דִיר מִלְחָמָה ?–הָאבֶּען דִיא פִירְסְטֶען גֶעפְרֶאגְט – .

– וואוּנְדֶערְט אַייךְ נִיט אוֹיף דֶעם–הָאט אלכסנדר גֶעעֶנְטְפֶערְט דֶער מַלְאָךְ וָואס גֶעהְט מִיט מִיר אִין אַלֶע מִלְחָמוֹת גֶעגֶען מַיינֶע פַיינְד אוּנ עֶר הֶעלְפְט מִיךְ אִיךְ זָאל זַייא בֶּעזִיעגֶען , זֶעהְט אוֹיס אַקוּרַאט וִויא דֶער כהן גדול , דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ מִיךְ גֶעבּוּקְט צוּא אִיהְם .

נָאכְדֶעם אִיז דֶער כֹּהֵן גָדוֹל מִיט אלכסנדר'ן גֶעקוּמֶען אִין יְרוּשָׁלַיִם , דֶער כֹּהֵן גָדוֹל הָאט אִיהְם גֶעוִויזֶען דֶעם בֵּית הַמִקְדָּשׁ אוּנ דֶעם הֵיילִינֶען הוֹיף , מִיט אַלֶע חֲדָרִים מִיט אַלֶע אַנְטִיקֶען וָואס גֶעפִינְט זִיךְ דָארְט אוֹיךְ דֶעם אָרְט פוּן קדש הקדשים אוּנ פוּן מִזְבֵּחַ אוּנ דֶעם אָרְט וואו מֶען אִיז מַקְרִיב דִיא עוֹלָה .

– גֶעלוֹיבְּט אִיז גָאט דֶער אִידִישֶׁער גָאט דֶער גָאט פוּן דָאס הויז–הָאט אלכסנדר גֶעזָאגְט–אוּנ וואויל אִיז אַייךְ גֶאטֶעס דִינֶער. יֶעטְצְט וֶועל אִיךְ מַאכֶען צוּם אַנְדֵיינֶקֶען מַיין בִּילְד פוּן רֵיינֶעם גָאלְד. אוּנ אִיהְם אַוֶועקְשְׁטֶעלֶען בַּייא דֶעם קדש הקדשים לזכרון מַיין זַיין אִין דָאס הויז.

– דִיא גָאלְד–הָאט דֶער כֹּהֵן גָדוֹל גֶעזָאגְט–וָואס דוּא ווִילְסְט מַאכֶען דַיין בִּילְד גִיב בֶּעסֶער אָפּ פַאר דִיא אָרֶעמֶע אִידֶען וָואס קוּמֶען מִתְפַּלֵל זַיין אִין דָאס הויז אוּנ אִיךְ וֶועל מַאכֶען פַאר דִיר אַ בֶּעסֶערְן אַנְדֵיינֶקֶען. דֶען אוּנְזֶער תּוֹרָה הָאט שְׁטְרֶענְג פַארְזָאגְט: מִיר זָאלֶען קֵיין בִּילְד שְׁטֶעלֶען אִין בית המקדש.

– וָואס קאנְסְט דוּא מַאכֶען אַ בֶּעסֶערְן אַנְדֵיינֶקֶען ווִיא מַיין בִּילְד?–הָאט אלכסנדר גֶעפְרֶעגְט.

– אִיךְ וֶועל דִיר זָאגֶען–הָאט דֶער כֹּהֵן גָדוֹל גֶעעֶנְטְפֶערְט– אַלֶע קִינְדֶער זְכָרִים אוּנ נְקֵבוֹת וָואס וֶועלֶען דֶעם נַאנְצֶען יָאהְר גֶעבָּארֶען וֶוערֶען בַּייא אַלֶע כֹּהֲנִים אִין גַאנְץ ארץ ישראל וֶועלֶען גֶערוּפֶען וֶוערְן אוֹיף דַיין נָאמֶען.

דֶער אַנְדֵיינֶקֶען אִיז אלכסנדרן זֶעהְר גֶעפֶעלֶען גֶעוֶוען. עֶר הָאט דֶעם כֹּהֵן גָדוֹל פִּיל גָאלְד גֶענֶעבֶּען עֶר זָאל דָאס צוּא טְהֵיילֶען דִיא אָרֶעמֶע לֵייט. עֶר הָאט זִיךְ אִין בית המקדש גֶעבּוּקְט אוּנ אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען.

דֶער כֹּהֵן גָדוֹל הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט דֶעם קֶאנִיג דָאס עֶר זָאל בֶּעגְלִיקֶען אִין זַיינֶע מִלְחָמוֹת, אוּנ דֶער קֶאנִיג הָאט זֶעהְר פְרֵיילִיךְ אוּנ צוּפְרִידֶען פַארְלָאזֶען דִיא שְׁטָאדְט יְרוּשָׁלַיִם.

דִיא קְלוּגֶע לֶעזֶער וֶועלֶען זֶעהֶען דֶעם אוּנְטֶערְשִׁייד צְוִוישֶׁען דִיא צְוֵוייא נוּסְחָאוֹת, אוּנ זַייא וֶועלֶען בֶּעסֶער גְלוֹיבֶּען אִין דֶעם נוּסַח פוּן תַּלְמוּד.

דִיא בִּיאָגְרַאפִיֶע פוּן אלכסנדר מוקדון ווִיא גְרֶאטְץ אוּנ שׁוּלְמַאן ז"ל שְׁרֵייבֶּען גִיבֶּען מִיר אִיבֶּער אַזוֹיא ווִיא מִיר הָאבֶּען גֶעלֶעזֶען.

# צְווֵייטֶע אָבְּטְהֵיילוּנְג.

## א.

## אַלֶּכְּסַנְדֶר'ס רֶבִּי.

אַז פִּילִיפּ דֶער קֶאנִיג פוּן לַאנְד מוקדון אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען אִיז זַיין זָאהְן אלכסנדר גֶעבְּלִיבֶּען קֶאנִיג אוֹיף זַיין אָרְט.

אלכסנדר אִיז דֶענְסְטְמָאל אַלְט גֶעוֶועְן אֵיין אוּנ צְוַאנְצִיג יָאהְר, עֶר אִיז גֶעוֶועְן אַ קְלוּגֶער, אוּנ אַ הֶעלְד אַ גוּטֶער אוּנ אַ קְרִיעגְם-מַאן עֶדֶעל אוּנ גֶעבִּילְדֶעט, דֶען עֶר הָאט גֶעהַאט אַ לֶעהְרֶע וָואס עֶר אִיז גֶעוֶועְן דֶער גְרֶאסְטֶער גֶעבִּילְדֶעטֶער מַאן אִין זַיין צַייט, זַיין נָאמֶען אִיז גֶעוֶועְן „אריסטאטעלעס" דֶער גְרוֹיסֶער פִּהִילָאזָאף.

דֶער אריסטאטעלעס הָאט זַיין שִׁילֶער, דֶעם קֶאנִיג אלכסנדר אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען אַלֶע וִויסְסֶענְשַׁאפְט וֶועלְכֶע עֶר הָאט גֶעקָאנְט אוּנ גֶעווּאוּסְט, עֶר הָאט פוּן זַיין שִׁילֶער קֵיין זַאךְ נִיט פַארְדֶעקְט אַלְס, אַלְס הָאט עֶר פַאר אלכסנדר'ן אָפְּגֶעדֶעקְט.

דֶער אריסטאטעלעס אִיז גֶעוֶועְן פוּן לַאנְד יָוָן, (גְרִיכֶענְלַאנְד) בַּארוּם הָאט אלכסנדר זֶעהֶער לִיבּ גֶעהַאט דִיא גְרִיכֶענְלֶאנְדִישֶׁע וִויסְסֶענְשַׁאפְט, אוּנ עֶר הָאט גֶעשְׁטִיצְט דִיא גֶעלֶעהְרְטֶע פוּן דָארְט.

אִין גְרִיכֶענְלַאנְד הָאט אִין יֶענֶער צַייט דִיא וִויסְסֶענְשַׁאפְט גֶעבְּלִיהְט, פִיל גֶעלֶעהְרְטֶע מֶענְשֶׁען זַיינֶען דָארְט גֶעוֶועְן, זַייא

האבען

האָבּען ערפונדען אונ ענטדעקט אַזעלכע נייעס אין דער וועלט וואָס אַלע חכמים (ווייזע) האָבּען דאָס זעהער שטאַרק בּעוואונדערט.

# ב.

## שטרייטען מיט פּרס.

אין גאַנץ גריכענלאַנד איז געהערט געוואָרען די גרויסע נייעס דאָס פיליפּ איז געשטאָרבּען. אין אַלע גריכישע שטאָדט האָבּען זיך די איינוואָהנער זעהער געפריידט, בּייא יעדען גריכע אין הויז איז געווען ששון ושמחה, זייא זיינען בּעפרייט געוואָרען פון אַזאַ שלעכטען מענשען.

זייער פרייד איז געווען איבּערנאַטירליך אָבּער עס האָט אַ לאַנגע צייט ניט געדויערט דען זייא האָבּען זיך בּאלד דערוואוסט דאָס זיין זאָהן אלכסנדר איז געוואָרען אַ קאָניג, אונ געוויס וועט ער זייא בּעהאַנדלען ניט בּעססער וויא זיין פאָטער האָט זייא בּעהאַנדעלט.

אַז אלכסנדר איז אַלט געווען איין אונ צוואַנציג יאָהר האָט ער זיך געזעטצט אויף זיין פאָטערס קעניגליכען טראָהן, ער האָט רעגירט וויא אַ גרויסער העלד.

גריכענלאַנד איז אין יענער צייט געווען אונטערטהעניג בּייא אלכסנדר'ן ווען דער קעניג אלכסנדר האָט געוואָלט שטרייטען מיט זיינע פיינד, האָט גענומען אַלע גריכישע סאָלדאַטען אונ האָט זייא געשיקט צוזאַמען מיט זיינע אַרמעען מלחמה צוא האַלטען מיט זיינע פיינד.

בייא אלכסנדרן איז געבליבען דער פּלאן ער זאל געהען שטרייטען מיט פּרס (פּערסיען).

# ו.

# אַ ליגען.

אין יענער צייט, עהדער אלכסנדר איז געגאַנגען מלחמה האַלטען מיט פּערסיע, זיינען אין מוקדון אַריינגעפאלען אַגרויסע אַרמעע פון דיא ווילדע מענשען וואס האבען געוואהנט אויף אונ צווישען דיא בערג. זייא האבען גערויבט אין לאַנד בייא דיא איינוואהנער וואס זייא האבען געהאַט.

אלכסנדר האט געהערט וואס דיא ווילדע מענשען האבען געטאהן האט ער פאַרזאַמעלט זיינע גבורים אונ ער האט דיא רויבער געיאָגט מיט אַ שאַרפען שווערד, ער האט זייא פאַרניכטעט פון זיין לאַנד.

אין גאַנץ גריכענלאַנד האט מען אויסגעטראַכט אַ ליגען: אַז אלכסנדר'ן האבען דיא ווילדע געהרגת, אַלע איינוואהנער אין גריכענלאַנד האבען זיך מיט דיא נייעס געפרייט, זייא האבען געהאפט אַז יעטצט וועלען זייא זיך בעפרייען פון מוקדון אַראָפּוואַרפען פון זיך זייער יאָך.

די איינוואהנער פון „פעלאפאנעז" האבען זיך בעוואפענט אונ זיינען געווען בערייט צוא האַלטען מלחמה מיט מוקדון.

דיא בירגער פון „אטהען" האבען צוגעהערט דיא רייד פון דעם גרויסען רעדנער ה' „דעמאסטהענעס" ער האט גע־פּרעדיגט דאס זייא זאלען אַראָפּוואַרפען דעם יאָך פון מוקדון אונ אָנפאַנגען צוא לעבען זעלבסטענדיג אונ פריי וויא אַ מאל.

דיא אַיינְוָואהְנֶער פוּן „טהעבען" הָאבֶּען גֶעהַרְגֶת דיא סָאלְדַאטֶען פוּן מוּקדוֹן וָואס הָאבֶּען גֶעהִיט דיא שְׁטָאדְט זֶעהֶער. פִיל מוּקְדוֹנֶער שׁוֹמְרִים זַיינֶען גִיפַאלֶען דוּרְךְ דֶעם שַׁארְפֶען שְׁוָוערְד. אוּנ אוֹיף דיא מוּקְדוֹנֶער שׁוֹמְרִים וָואס זַיינֶען גֶעשְׁטַאנֶען אִין דיא פֶעסְטוּנְג פוּן טְהֶעבֶּען הָאבֶּען דיא אַיינְוָואהְנֶער פוּן טְהֶעבֶּען בֶּעלַאגֶערְט מִיט אַ גְרוֹיסְסֶע מַאכְט, עֶס הָאט גֶעהַאלְטֶען נִיט וַוייט פוּן בֶּעזִיגֶען דֶעם פֶעסְטוּנְג.

וְויא אלכסנדר הָאט דֶערְהֶערְט דֶעם שְׁרֶעקְלִיכֶע צוּפַאל וָואס הָאט גֶעטְרָאפֶּען זַיינֶע סָאלְדַאטֶען אִין טְהֶעבֶּען, הָאט עֶר פַארְזַאמֶעלְט אַ גְרוֹיסֶע אַרְמֶעע אוּנ אִיז שְׁנֶעל גֶעגַאנְגֶען אָדֶער בֶּעסְסֶער גֶעזָאנְט גֶעלָאפֶּען אִין גְרִיכֶענְלַאנְד אַיינְשְׁטִילֶען זַייעֶר אָפְּפֶּענֶע מְרִידָה, דָאס. עֶרְשְׁטֶע הָאט עֶר גֶעשְׁטְרִיטֶען גֶעגֶען טְהֶעבֶּען. עֶר הָאט מִלְחָמָה גֶעהַאלְטֶען דוּרְךְ שְׁטוּרֶעם אוּנ עֶר הָאט צוּבְּרָאכֶען זַייעֶר גְרוֹיסֶען שְׁטַארְקֶען פֶעסְטוּנְג, נָאכְדֶעם הָאט עֶר צוּבְּרָאכֶען דיא מוֹיעֶרֶען אוּנ אַלֶע זַייעֶרֶע הַייזֶער. עֶר הָאט זַיינֶע סָאלְדַאטֶען עֶרְלוֹיבְּט צוּא פְּלִינְדֶערְן, רוֹיבֶּען, צוּנֶעהְמֶען אַלְס וָואס דיא אַיינְוָואהְנֶער בֶּעזִיטְצֶען. אוּנ דיא אַיינְוָואהְנֶער הָאט עֶר פַארְקוֹיפְט, דִי מַאנְסְלַייט פַאר קְנֶעכְט, אוּנ דיא פְרוֹיעֶן פַאר דִינְסְטֶען, אוּנ זַייעֶרֶע קִינְדֶער הָאט עֶר בֶּערוֹיבְּט.

דְרַייסִיג טוֹיזֶענְד מֶענְשֶׁען, הָאבֶּען אִין יֶענֶער שְׁטָאדְט גֶעוָואהְנְט, זַיינֶען זַייא אַלֶע אוּנְגְלִיקְלִיךְ גֶעוָוארֶען. נוּר דיא פְּרִיסְטֶער אוּנ דיא מֶענְשֶׁען פוּן מוקדון וָואס הָאבֶּען דֶענְסְטְמָאל גֶעוָואהְנְט אִין שְׁטָאדְט הָאט עֶר נִיט גֶעצֶעפֶּעט, עֶר הָאט זַיי אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט פוּן שְׁטָאדְט, זַייא זָאלֶען גֶעהֶען וואוּהִין זַייא וִוילֶען.

אִין יֶענֶע גְרוֹיזַאמֶע צַייט, אִין גְרֶאסְטֶען כַּעַס הָאט אלכסנדר בַחֲסָנוּת גֶעהַאט אוֹיף דֶעם פָּאעֶט „פִינדאר". זַיין הוֹיז הָאט

עֶר

עֶר גִיט צוּבְּרָאכֶען. אוֹיךְ דִיא הֵיילִיגֶע הַייזֶער, דִיא טֶעמְפְּלֶען הָאט עֶר גֶעלָאזֶען גַאנְץ, עֶר הָאט גֶעשֶׁעטְצְט אוּנ גֶעעֶהְרְט זַייעֶר הֵיילִיגְקֵייט.

דִיא אַיינְוָואהְנֶער אִין גְרִיכֶענְלַאנְד הָאבֶען גֶעהֶארְט וִויא אלכּסנדר הָאט בֶּעשְׁטְרָאפְט דִיא מֶענְשֶׁען פוּן טְהֶעבֶען. אִיז אוֹיף זַייא גֶעפַאלֶען אַ גְרוֹיסֶער שְׁרֶעק, זַייא הָאבֶען פַארְלָארֶען זַייעֶר מוּטְה צוּא שְׁטְרַייטֶען גֶעגֶען אִיהְם זַייא הָאבֶען גֶעזֶעהֶען דָאס זַיין הַצְלָחָה אִיז אִיבֶּערְנַאטִירְלִיךְ גְרוֹיס אוּנ זַיין גְבוּרָה אִיז אוֹיךְ זֶעהְר גְרוֹיס.

נָאךְ דֶער מִלְחָמָה מִיט טְהֶעבֶען אִיז אלכסנדר׳ס כַּעַס גֶעשְׁטִילְט גֶעוָוארֶען. עֶס הָאט אִיהְם פַארְדְרָאסֶען פַאר וָואס עֶר הָאט דִי אַיינְוָואהְנֶער אִין טְהֶעבֶען אַזוֹיא שְׁטַארְק בֶּעשְׁטְרָאפְט הָאט עֶר מִיטְלֵייד גֶעהַאט אוֹיף דִיא גְרִיכֶען וָואס הָאבֶען גֶעגֶען אִיהְם גֶעזִינְדִיגְט אוּנ עֶר הָאט זַייא אַלֶע זַייעֶרֶע זִינְד מוֹחֵל גֶעוֶועֶן.

---

## ד.

## גֶעשְׁטִיצְט דִיא גֶעלֶעהְרְטֶע.

בשנת, אִין דֶעם יָאהְר 334 (פַאר כ׳ גֶעבּוּרְטְה) אִין מָאנַאט נִיסָן הָאט אלכּסנדר גֶענוּמֶען זַיינֶע סָאלְדַאטֶען מִיט אַלֶע זַיינֶע קְרִיגְסְהֶעלְדֶען אוּנ אִיז גֶעגַאנְגֶען מִלְחָמָה הַאלְטֶען מִיט פֶּרְסִיֶען.

מִיט אִיהְם זַיינֶען מִיטְגֶעגַאנְגֶען דִיא וֶועלְט בֶּערִיהְמְטֶע הֶעלְדֶען, וָואס הָאבֶען פֶערְשְׁטַאנֶען צוּא פִיהְרֶען אַ קְרִיג מִיט קְלוּגֶע פְּלֶאנֶער וִויא מִיט וֶוענִיג סָאלְדַאטֶען צוּא בֶּעזִיגֶען דֶעם פַיינְד צְוַואר יֶענֶע זַיינֶען אִין צָאהְל פִיל מֶעהְר. זַייעֶרֶע נָאמֶען

איז

אִיז גֶעוֶוען „פערדיקאס״ „קלייטאס״ פארמעניאן״ „העפאסטיאן״ „קראטעראס״, „פטאלעמאאוס״ „אנטינאנאס״ אונ נָאךְ פִּיל אַנְדֶערֶע הֶעלְדֶען.

אויךְ פִּיל גֶעלֶעהְרְטֶע אונ גֶעשִׁיכְטְס–שְׁרַייבֶּער זַיינֶען גֶע-גאַנְגֶען מִיט אלכסנדר'ן אִין אַלֶע אַרְטֶער וואו עֶר הָאט גֶעבַייזְט שְׁטְרַייטֶען דִיא וֶועלְט בֶּערִיהְמְטֶע חֲכָמִים „אנאקסימענעס״ „קאללי-סטהענעס״, „אריסטאבולאס״ אונ נָאךְ פִּיל אַנְדֶערֶע גֶעלֶעהְרְטֶע וָואס הָאבֶּען גֶעוָואלְט רַייזֶען כְּדֵי קֶאנֶען צוּא לֶערְנֶען דִי חָכְמוֹת פוּן דִיא וַוייטֶע לֶאנְדֶער.

אלכסנדר הָאט דִי גֶעלֶעהְרְטֶע גֶעשְׁטִיצְט מִיט אַלֶע מֶעגְלִיכְ-קַייט, וַוייל עֶר אַ לֵיין הָאט לִיבּ גֶעהַאט דִיא וִויסֶענְשַׁאפְט. דֶער גְרוֹיסֶער גֶילֶעהְרְטֶער אלכסנדר אִיז גִיוֶוען אַפאַנאַטִיקֶער עֶר הָאט אִין פֶערְשִׁידֶענֶע גֶענֶענְשְׁטֶענְדֶע גֶעגְלוֹיבְּט. אָט צוּם בַּיישְׁפִּיל אַז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אִין „העללספאנט״ הָאט עֶר גֶענָאסֶען קָאנִינְגְלִיכֶע וויין פוּן אַנָאלְדֶענֶעם בֶּעכֶער צוּעֶהרֶען דִיא גֶאטֶער וֶועלְכֶע רֶעגִירֶען אוֹיף דֶעם יַם (מעער).

---

## ה.

## דִיא סְגוּלָה.

אַז אלכסנדר אִיז גֶעקוּמֶען מִיט זַיין שִׁיפְף צוּם בְּרֶעג-אַזְיָה, וָואס דָארְטֶען אִיז דִיא עֶרְד בַּאדֶעקְט מִיט גְרִינֶע גְרָאז. הָאט עֶר אַרוֹיפְגֶעשְׁטִיגֶען אוֹיבֶּען אִין דֶער הוֹיךְ אוֹיף דֶעם פַּאִילוּבּ פוּן שִׁיפְף אונ פוּן דָארְטֶען הָאט עֶר מִיט אַלֶע קְרֶאפְטֶע גֶעוָוארְפֶען זַיין שְׁפִּיז אוֹיף דִיא אַזְיַאטִישֶע עֶרְד. נַאכְדֶעם אִיז עֶר פוּן שִׁיף-

אראפגעלאפען

אַבְּגֶעשְׁלָאגֶען דֶער עֶרְשְׁטֶער מִיט זַיין שְׁפִּיז אִין האַנְד אוֹיף דֶער יַבָּשָׁה, בַּייא דֶעם אוֹפֶער דֶעם זֶעעס. ווייל דָאס הָאט עֶר גֶעהַאלְטֶען פַאר אַסְגוּלָה צוּא בֶּעזִיגֶען אִין אַזְיָה —.

אוֹיף דֶער אָרְט וואוּ "טרויא" אִיז אַמָאל גֶעשְׁטַאנֶען, הָאט אלכסנדר מַקְרִיב גֶעוֶועזֶען קָרְבָּנוֹת צוּא "צעאוס" אוּנ "פַאלאס" דִיא קֶענִיגֶע אוּנ הֶערְשֶׁער אִיבֶּער גְבוּרָה אוּנ נִצָחוֹן.

אוֹיף יֶענֶעם אָרְט הָאט אלכסנדר בֶּעפוֹילֶען זַיינֶע הֶעלְדֶען זַייא זָאלֶען מַאכֶען אַקאמְפְּף־שְׁפִּיל, (אַמִלְחָמָה בְּשָׁלוֹם) לְכָבוֹד דִיא גְרִיכִישֶׁע הֶעלְדֶען אוּנ דִיא בֶּערִיהְמְטֶע מֶאנֶנֶער.

אלכסנדר הָאט גֶעלֶעזֶען דִיא עֶרְהַאבֶּענֶע גֶעדִיכְטֶע פוּן גְרוֹיסֶען בֶּערִיהְמְטֶען פָּאעֶט "האמֶער". עֶר הָאט אִין זַיינֶע שִׁירִים גֶעפוּנֶען אַ רִיכְטִיגֶע בֶּעשְׁרַייבּוּנְג פוּן אַ בֶּערִיהְמְטֶען הֶעלְד "אחילל" דִיא גְבוּרוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעוִויזֶען אַז דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט הָאט פוּן אִיהם גֶערֶעדְט. אַלֶע הָאבֶּען בֶּעוואוּנְדֶערְט זַיין שְׁטַארְקַייט. דֶער קֶאנִיג אַלֶכְּסַנְדֶר הָאט גֶעוָואלְט ווייזֶען פַאר דֶער וֶועלְט אַזֶעלְכֶע גְבוּרָה וִויא "אחילל" הָאט גֶעוִויזֶען, אוּנ עֶר הָאט גֶעזוּכְט דִיא רִיכְטִיגֶע גֶעלֶעגֶענְהֵייט זִיךְ צוּא קָאנֶען אוֹיסְצֵייכְנֶען אִין אַקְרִיעג וִויא "אחילל".

יֶעדֶער מֶענְשׁ וָואס עֶר זוּכְט דָאס גֶעפִינְט עֶר—זָאגְט דִיא וֶועלְט אַשְׁפְּרִיכְוָוארְט—דֶער קֶאנִיג אלכסנדר הָאט גֶעפוּנֶען אַנְ'אוּרְזַאכֶע צוּא גֵיין מִלְחָמָה הַאלְטֶען מִיט דִיא פֶּרְסִיאַנֶער.

דִיא עֶרְשְׁטֶע מִלְחָמָה אִיז גֶעוֶועזֶען בַּייא דֶעם טַייךְ גְרַאנִיקוּס. אלכסנדר הָאט אִין דֶער מִלְחָמָה גֶעוִויזֶען גְרוֹיס גְבוּרָה, עֶר הָאט גֶעהַאט וֶועניגֶער סָאלְדָאטֶען וִויא דִיא פֶּרְסִיאַנֶער אוּנ דָאךְ הָאט עֶר זַייא שְׁטַארְק גֶעשְׁלָאגֶען, פוּן זַייעֶר גְרוֹיסֶע אַרְמֶע זַיינֶען ווייניג, וֶועהר אַקְלֵיינֶע צָאהל מֶענְשֶׁען אִיבֶּערְגֶעבְלִיבֶּען. עֶר הָאט

זַייא גֶעוָאנְט . אונ זַייא זַיינֶען גֶעלָאפֶען יֶעדֶער פֶּרְסִיאַנֶער אוֹיף אַנאַנְדֶער וֶועג . פִּיל הָאט ,ער גֶעהַרְגֶת , פִּיל פֶּרְסִיאַנֶער הָאט עֶר גֶענוּמֶען אִין פְּלֶען , גֶעפַאנְגֶען . וֶוענִיג זַיינֶען אַנְטְלָאפֶען . אונ אלכסנדר הָאט זַייא נָאכְגֶעיָאגְט , עֶר הָאט גֶעכַאפְּט אַפֶּרְסִיאַנֶעם אָפִּיצִיר אַגְרוֹיסֶען הֶעלְד . יֶענֶער הָאט אוֹיפְגֶעהֵייבֶּען דֶעם שַׁארְפֶען שְׁוֶוערְד אִיבֶּער אלכסנדרס קָאפְּף . ,ער הָאט אִיהם גֶעוָואלְט הַרְגֶען , אונ ,ער וָואלְט אִיהם גֶעווִים גֶעהַרְגֶת , וֶוען נִיט דֶער גֶענֶעבָאל ,,קלייטאס" וָואלְט שְׁנֶעל צוּגֶעלָאפֶען רֶעטְטֶען דֶעם קֶאנִיג , דֶער קלייטאס הָאט ,דעם פֶּרְסִיאַנֶעם הֶעלְד אָפְּגֶעהַאקְט זַיין רֶעכְטֶע הַאנְד , אִיז אלכסנדר גֶערֶעטֶעט גֶעוָוארֶען פוּן טוֹיט .

נָאךְ דֶעם גְרוֹיסֶען נִצָּחוֹן (זִיעג) הָאט אלכסנדר בֶּעפוֹילֶען צוּא שְׁטֶעלֶען גְרוֹיסֶע מָאנָאמֶענְטֶען צוּא עֶהרֶען דֶערְמִיט דִיא סָאלְדַאטֶען וֶועלְכֶע זַיינֶען אִין דֶער מִלְחָמָה גֶעהַרְגֶת גֶעוָוארֶען אונ זַייעֶרֶע פַאמִילְיֶען אִין גְרִיכֶענְלַאנְד הָאט עֶר בֶּעפְרַייט פוּן קֶאנִינְלִיכֶע אונ שְׁטָאדְטִישֶׁע אָבְּגַאבֶּען .זַייא בְּרוֹיכֶען ,קיין מַס צָאהלֶען .

דוּרְךְ דִיא מִלְחָמָה הָאט אלכסנדר גֶעוָואהנֶען דֶעם גַאנְצֶען מְהַייל פוּן וֶועסְטֶען (западъ אַבֶּענְדְזַייטֶע) אִין ,קְליין אַזְיֶען בִּיז דִיא בֶּערְג טוֹירוּס .—

---

# ו.

# דִיא נְקָמָה.

,דֶער הֶערְשֶׁער אִין לַאנְד לִידְיָא אִיז אוּנְטֶערְטְהֶעניג גֶיוָוארֶען , עֶר הָאט אלכסנדרן אַנֶערְקֶאנְט פַאר אַ הֶערְשֶׁער , ,ער הָאט מִיט אִיהם

איהם ־קיין מִלְחָמָה גֶעהאלְטֶען . דיר טְהוּיעֶרְן פוּן זַיין הוֹיפְּשְׁטָאדְט „זארדעס” הָאט עֶר פַאר אלכסנדרן גֶעעֶפֶענְט .

דִיא אַיינְוואהְנֶער פוּן הָאלִיַקארְנַאסאס הָאבֶּען גֶעשְׁטְרִיטֶען גֶעגֶען אלכסנדר׳ן הָאט אלכסנדר זַייא בֶּעזִיגְט דוּרְךְ שְׁטוּרְם . אוּנ זַייא זַיינֶען גֶעוָוארֶען אוּנְטֶערְטְהֶענִיג . אוּנ הָאבֶּען אִיהם גֶעצָאהְלְט מַס (צִינְזֶען אָבְּגָאבֶּען עֶנְטְרִיכְטוּנְג подать)

דִיא אַיינְוָואהְנֶער אִין דִיא אִיבְּרִיגֶע שְׁטֶאדְט פוּן גְרִיכֶענְלַאנְד הָאבֶּען מִיט זַייעֶר גוּטֶען ווִילֶען זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענֶעבֶּען צוּא אִיהם אוּנ אַנֶערְקֶענְט אלכסנדרן פַאר אַקֶאנִיג אִיבֶּער זַייא .

אַגְרוֹיסֶע טְהֵייל מֶענְשֶׁען אִין גְרִיכֶענְלַאנְד הָאבֶּען זִיךְ גֶעפְרֵיידְט מִיט אלכסנדרן . זַייא הָאבֶּען אִיהם גֶעלוֹיבְּט . גֶעדַאנְקְט אוּנ גֶעזֶעגֶענְט פַאר זַיין הַבְטָחָה וָואס עֶר הָאט זַייא פַארְשְׁפְּרָאכֶען צוּא גְרִינְדֶען בַּייא זַייא אִין לַאנְד אַרֶעפּוּבְלִיק ווִיא עֶס אִיז בַּייא זַייא פְרִיהֶער גֶעוֶוען .

אלכסנדר הָאט זִיךְ בֶּערִיהמְט מִיט זַיין פּאטִילְיֶע וָואס עֶר שְׁטַאמְט פוּן דִיא קִינְדֶער וָואס זַיינֶען זִיךְ מְיַחֵס אַלְס הֶעלְלֶענִים . דַארוּם הָאט זִיךְ אִין אִיהם עֶרְוֶועקְט לִיבֶּע צוּא זַיין לַאנְד וואוּ עֶר אִיז גֶעבָּארֶען גֶעוָוארֶען . אוּנ אַזוֹיא ווִיא דִיא פֶּרְסִיַאנֶער הָאבֶּען פִיל שְׁטֶאדְט פוּן דִיא הֶעלְלֶענִים פַארְוִויסְטֶעט , אוּנ זַייעֶרֶע הֵיילִיגֶע גֶעבֶּעט הַייזֶער (טֶעמְפְּלֶען) פַארְבְּרֶענְט , הָאט אלכסנדר גֶעוָואלְט גֶעהמֶען פוּן זַייא נְקָמָה .

דִיא גְרֶאסְטֶע טְהֵייל אַיינְוָואהנֶער אִין גְרִיכֶענְלַאנְד הָאבֶּען שְׁטַארְק מַסְכִּים גֶעוֶוען דֶערְצוּא , הַאלְטֶען מִלְחָמָה מִיט פָּרָס . ווַייל זַייא הָאבֶּען גֶעוואוּסְט דָאס אלכסנדר ווַיל גֶעהֶמֶען פוּן זַייא נְקָמָה , הָאבֶּען זַייא אִיהם גֶעהָאלְפֶען אוּיסְפִיהרֶען זַיין פְּלַאן דֶען זַיין וואוּנְשׁ צוּא עֶרְפִילֶען אִיז בַּייא זַייא גֶעוֶוען אַגְרוֹיסֶער

כבוד

כָּבוֹד, אַזוֹיא שְׁטַארְק הָאבֶּען זַייא אִיהם גֶעשֶׁעטְצְט אונ גֶעעֶהְרְט פַאר זַיין גְרוֹיסֶע חָכְמָה אונ גְבוּרָה.

---

## ז.

# דֶער קְנוֹיל פָאדֶעם.

אִין דֶער שְׁטָאדְט גארדיום (гордіонъ) אִין לַאנְד פירינִיא הָאט אלכסנדר פֶערְזַאמְמֶעלְט אַלֶע זַיינֶע הֶעלְדֶען. עֶר הָאט גֶעוָואלְט גֶעהֶען שְׁטְרַייטֶען מִיט דִיא פֶּרְסִיַאנֶער.

אִין יֶענֶער שְׁטָאדְט אִיז גֶעוֶועזֶען אַנְאַלְטֶע קַארֶעטֶע, אַרַייט וָואגֶען וָואס מִיט דִיא מֶערְקְווִירְדִיגֶע קַארֶעטֶע פְלֶעגְט פָאהְרֶען דֶער קֶאנִיג „מידאס".

יֶענֶע קַארֶעטֶע אִיז גֶעוֶועזֶען אַקְנוֹיל פָאדֶעם פַארְפְּלוּנְטֶערְט וָואס קֵיין מֶענְשׁ הָאט נִיט גֶעקָאנְט אוֹיסְפְּלוּנְטֶערְן.

אֵיינֶע זַאגֶע אִיז גֶעוֶועזֶען. וֶוער עֶס וֶועט אֶפְּנֶען דֶעם פְּלוּנְטֶער, וֶועט וֶוערְן קֶאנִיג אוֹיף דִיא גַאנְץ לַאנְד אַזְיֶען.

אלכסנדר הָאט בֶּאמֶערְקְט דֶעם פְּלוּנְטֶער הָאט עֶר מִיט זַיין שַׁארְפֶען שְׁוֶוערְד צוּשְׁנִיטֶען אוֹיף עֶטְלֶעכֶע שְׁטִיקֶער, דֶער מִיט הָאט עֶר גֶעווִיזֶען אַז עֶר וֶועט קֶאנִיגֶען אוֹיף גַאנְץ אַזְיֶען' נָאכְדֶעם אִיז עֶר מִיט אַלֶע זַיינֶע הֶעלְדֶען גֶעגַאנְגֶען נָאךְ דָאס לַאנְד קִילִיקִיָה.

אִין יֶענֶע לַאנְד זַיינֶען פַארַאן הוֹיכֶע בֶּערְג, טִיעפֶע טְהָאלֶען, גְרוֹיסֶע גְרִיבֶּער. דֶער בּייזֶעגֶער דַארְף זַיין פָארְזִיכְטִיג. אוֹיף יֶעדֶען טְרִיט אונ שְׁרִיט קָאן עֶר דָארְט זַיין לֶעבֶּען פַארְלִיהְרֶען.

אלכסנדר

אלכסנדר אִיז שְׁטַארְק אוֹיף יֶענֶער רַייזֶע מִיד גֶעוָוארֶען עֶר הָאט זִיךְ גֶעבָּאדֶען אִין דֶעם טַייךְ „קידנוּס“. דָאס וַואסֶער אִיז זֶעהֶער קַאלְט גֶעוֶוען. הָאט זִיךְ אלכסנדר פַארְקִילְהט, עֶר אִיז שְׁטַארְק קְרַאנְק גֶעוָוארֶען.

זַיין דָאקְטָאר פיליפוּס הָאט אָנְגֶעוֶוענְדֶעט זֶעהֶער פִיל מִיה מִיט גְרוֹיס חָכְמָה הָאט עֶר אִיהם קוּרִיהְרְט. אוּנ אלכסנדר הָאט אִיהם גֶעגְלוֹיבְּט אוּנ הָאט זַיין לֶעבֶּען אָנְגֶעטְרוֹיט דֶעם דָאקְטָאר בַּאדוּרךְ אִיז עֶר גֶעזוּנְד גֶעוָוארֶען.

אַזוֹיא שְׁטַארְק הָאט אלכסנדר גֶעגְלוֹיבְּט זַיין דָאקְטָאר. וֶוען זַיין פֶעלְדְמַארְשַׁאל „פּארמעניאן“ הָאט אַרַיינְגֶעשִׁיקְט אַשְׁרֶעקְלִיכֶען בַּאנָאס אוֹיף דֶעם דָאקְטָאר, עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען דָאס דֶער דָאקְטָאר הָאט פוּן פֶּערְסִיֶע גֶענוּמֶען פִיל גֶעלְד אַז עֶר זָאל אלכסנדרן פַארְגִיפְטֶען. אִין יֶענֶער צייט הָאט דֶער דָאקְטָאר גֶעבְּרַאכְט אַפְּלֶאשִׁיל מֶעדִיצִין. הָאט אלכסנדר גֶענוּמֶען מִיט אֵיין הַאנְד דֶעם בֶּעכֶער מֶעדִיצִין אוּנ הָאט גֶעטְרוּנְקֶען. אוּנ מִיט דִיא צְווייטֶע הַאנְד הָאט עֶר דֶעם בַּאנָאס דֶערְלַאנְגְט דֶעם דָאקְטָאר. אִיהם צוּא וַוייזֶען אַז עֶר גלוֹיבְּט אִין זַיינֶע גֶעטְרַייהַייט.

---

# א.

## דֶער טוּמֶעל.

אִין פֶּרְסִיֶע אִיז גֶעוָוארֶען אַגְרוֹיסֶער טוּמֶעל עֶס הָאט גֶעקְאכְט זויא אִין אַקֶעסֶעל דריוּש קאראמאנאס (дарій кодоманнъ)

האט

האט פארזאממעלט זעהער פיעל גרויסע שטארקע העלדען אונ איז געגאנגען שטרייטען מיט אלכסנדרן, דיא ביידע האבען זיך באגעגענט בייא איסוס, דיא מלחמה איז געוועזען שרעקליך. פיל בלוט איז פארגאססען געווארען פון ביידע שטרייטענדע ארמעען נור ענדליך האט אלכסנדר געזיגט. ער האט מיט זיין שארפען שווערד געהרגעט פיל גבורים פון זיינע פיינד. דיא וואס זיינען געבליבען לעבען זיינען געלאפען איינער אהין דער אנדערע אהער, אונ דיא וואסס האבען ניט געקאנט אנטלויפען האט זייא אלכסנדר געפאנגען אונ געמאכט פאר קנעכט.

דריוש'ס מוטטער אונ זיין שאנע פרויא, דיא שאנסטע פון גאנץ פערסיע, מיט זיינע צווייא יונגע טאכטער, זיינען אויך געפאנגען געווארען אין אלכסנדרס האנד.

אלכסנדר האט זייא געשעטצט אונ געעהרט, ער האט זיי גרויסע פריינדשאפט געוויזען. וויא עס פאסט פאר א זעלכע גרויסע פארנעהמע אדעלע פרויען.

דריוש מיט איינינע זיינע געטרייע דינער זיינען אנטלאפען ווייט אין זיין לאנד. ער האט שטארק געטרויערט אויף זיין מפלה, ער האט געשיקט שלוחים צו אלכסנדרן בעטען ער זאל מיט איהם פרידען שליסען, דערפאר וועט ער איהם געבען פיל גאלד אונ זילבער אויך א שטיק לאנד פון זיין מדינה, אונ זיין שאנע טאכטער פאר א פרויא. נור ער זאל בעפרייען זיין מוטטער מיט זיין פרויא אונ טאכטער פון געפאנגנים, אונ מעהר מיט איהם קיין מלחמה ניט האלטען.

אלכסנדר האט ניט געוואלט הארען דיא גוטע רייד וואס דיא שלוחים האבען גערעדט אין נאמען פון דריושן, ער האט זייא מיט שטאלץ ארויסגעטריבען.

דֶער הוֹיפְּט אַנְפִיהְרֶער פוּן גַאנְצֶען אַרְמֶעע הֶערר פּארמעניאן הָאט גֶעזָאגְט צוּא אלכסנדר׳ן, וֶוען אִיךְ וָואלְט גֶעוֶוען אלכסנדר וָואלְט אִיךְ פְרִידֶען גֶעמַאכְט מִיט דריושן.

— וֶוען אִיךְ וָואלְט גֶעוֶוען „פּארמעניאן״ — הָאט אלכסנדר אִיהְם גֶעעֶנְטְפֶערְט — וָואלְט אִיךְ אוֹיךְ אַזוֹיא גֶעזָאגְט — נוּר אַזוֹיא וִויא אִיךְ בִּין אלכסנדר, זָאג אִיךְ אַנְדֶערְשׁ. אִיךְ זָאג מִיר זָאלֶען מִלְחָמָה הַאלְטֶען מִיט דריוּשן אוֹיךְ מִיט דִיא יוּדֶען אוּנ מִיט דִיא מֶענְשֶׁען פוּן לַאנְד פיניקיא מִיר מוּזֶען זַייא בֶּעזִיגֶען כְּדֵי זַייא זָאלֶען אוּנְז קַיין הִינְדֶערְנִים מַאכֶען צוּא אוּנְזֶער פֶערְלַאנְג צוּא רֶעגִירֶען אוֹיף גַאנְץ אַזְיָא.

אִין יֶענֶער מִלְחָמָה גֶעגֶען דריוּשן הָאט אלכסנדר צוּגֶענוּמֶען זֶעהֶער פִיל גָאלְד, זִילְבֶּער, פֶּערְל, דִימַאנְטֶען, בְּרִילַאנְטֶען, אוּנ אַנְדֶערֶע קָאסְטְבַּארֶע זַאכֶען, אוּנ גֶעפַאנְגֶענֶע אָהְן אַ צָאהְל, דָאס הָאט אִיהְם אוּנ אַלֶע זַיינֶע גִבּוֹרִים גֶעגֶעבֶּען אַ גְרוֹיס חֵשֶׁק צוּא גֶעהֶען שְׁטְרַייטֶען וַוייטֶער.

# ט.

## דִיא בֶּעלַאגֶערוּנְג.

דִיא לַאנְד יְהוּדָה אוּנ דִיא לַאנְד פִּינִיקִיא זַיינֶען אוּנְטֶער־טְהֶענִיג גֶעוָוארֶען אלכסנדרן גָאר אָהְן אַמִלְחָמָה, נוּר דִי שְׁטָאדְט „צר״ אִיז גֶעוֶוען זֶעהֶער גְרוֹיס אוּנ שְׁטַארְק, הָאבֶּען דִיא אַיינְוָואנֶער נִיט גֶעוָואלְט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעבֶּען דֶעם אלכסנדרן זַייא הָאבֶּען זִיךְ פַארְזִיכֶערְט אוֹיף דֶעם פֶעסְטֶען קְרֶעפְּאסְט וָואס אִיז אַרוּם

שטאדט

שטאדט . אויך דיא גבורים געלעהרנטע קרינגסלייט .

אלכסנדר האט בעלאגערט דיא שטאדט צר , דיא בע־לאגערונג איז געוועזען באריהמט אלע געשיכטען שרייבער פון יענער צייט האבען בעוואונדערט וויא קלוג אונ העלדיש אלכסנדר האט ארומגערינגעלט דיא שטאדט פון אלע זייטען ארום אונ ארום . דיא שטאדט לייט זאלען ניט קאנען ארויסגעהען פון שטאדט אונ קיינער זאל ניט קאנען אריינטראגען אין שטאדט קיין שפייז אונ קיין געוועהר .

זיעבען מאנאטען האט געדויערט דיא בעלאגערונג . דיא איינוואהנער פון צר האבען געשטריטען מיט אלע זייערע קראפטע דיא „וואלען" וואס אלכסנדר האט געמאכט ארום שטאדט , האבען יענע צוריסען דיא טהורעמס וואס אלכסנדר האט געבויט ארום קרעפטס־האבען יענע צוברָאכען . דיא שטארקע געוועהר וואס אלכסנדר האט צוא געפירט גאהנט צום שטאדט כדי דערמיט זאל ער צוברעכען דיא ווענד פון קרעפטס האבען דיא שטאדט לייט פארברענט .

הנם דיא שטאדט לייט פון צר האבען געשטריטען מיט אלע זייערע קראפטען דאך אם ענדע האט אלכסנדר געזיעגט . דיא העלדען פון צר האבען ניט געקאנט בייששטעהען געגען דיא שרעקליכע געוועהר וואס אלכסנדר האט געהאט , אונ פאר דיא גרויסע שטיינער וואס אלכסנדרס גבורים האבען געווארפען אין שטאדט אריין , אויך פון דיא גרויסע שיפען וואס אלכסנדר האט געהאט אויף דעם ים האט מען געווארפען גרויסע פייערדיגע קוילען אין שטאדט אריין . עס האט געהרגעט פיל גבורים אין צר . דיא איבריגע העלדען וואס זיינען געבליבען לעבען האבען פארלארען זייער מוטה אונ זייער האפנונג צוא שטרייטען

גֶעגֶען אַזַא גְרוֹיסֶע שְׁטַארְקֶע מַאכְט וויא אלכסנדר הָאט גֶעהַאט.
אלכסנדר אִיז שְׁטַארְק אִין כַּעַס גֶעוֶוען פַאר וָואס זֵייא זַיינֶען אַזֶעלְכֶע עַקְשָׁנִים אונ זֵייא ווִילֶען זִיךְ נִיט אוּנְטֶערְגֶעבֶּען הָאט ער בַּאפוֹילֶען זַיינֶע הֶעלְדֶען צוּא גֶעהֶמֶען דיא שְׁטָאדְט דוּרְךְ שְׁטוּרְם, דיא הֶעלְדֶען הָאבֶּען אַזוֹיא גֶעטְהוּן.
אִין דֶעם יָאהר הָאט אלכסנדר גֶעוויזֶען גְרוֹיסֶע גְבוּרוֹת, דיא גְרֶאסְטֶע גְבוּרָה הָאט ער גֶעצֵיינְט מִיט זַיין בֶּעזִיעגֶען דיא פֶּעסְטֶע גְרוֹיסֶע שְׁטָאדְט צוֹר. דֶעם קְרֶעפְּאסְט אַרוּם שְׁטָאדְט הָאט ער צוּבְּרָאכֶען דיא הַייזֶער אִין שְׁטָאדְט הָאט ער פֶּערְווִיסְטֶעט דיא יוּנְגֶע הֶעלְדֶען הָאט ער גֶעהַרְגֶעט, דיא אַלְטֶע לַייט הָאט ער אוֹיךְ נִיט גֶעשׁוֹינְט. וָועמֶען ער הָאט גֶעחַאפְּט הָאט ער מִיט זַיין שַׁארְפֶען שְׁוֶוערְד דֶעם קָאפְּף אַרָאפְּגֶעהַאקְט מַאנְכֶע וָואס הָאבֶּען גֶעפוּנֶען חֵן אִין זַיינֶע אוֹיגֶען הָאט ער גֶעלָאזְט לֶעבֶּען, ער הָאט זֵייא פַארְקוֹיפְט פַאר קְנֶעכְט אונ דיא וָואס הָאבֶּען גֶעהַאט דֶעם גְלִיק צוּא אַנְטְלוֹיפֶען זַיינֶען זֵייא גֶעוֶוען נָע וָנָד אִין פְּרֶעמְדֶע לֶאנְדֶער.

## י.

# דיא זֶעלְבֶּע עֶנְדֶע.

דיא שְׁטָאדְט צר אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַגְרוֹיסֶע האַנְדֶעלְס-שְׁטָאדְט, פִיל קוֹיפְלַייטֶע פְלֶעגֶען קוּמֶען אַהִין, בְּרֵיינְגֶען דָארְט זֵייעֶרֶע סְחוֹרָה צוּא פַארְקוֹיפֶען אונ קוֹיפֶען סְחוֹרָה אַרוֹיסְצוּפִיהְרֶען פוּן דָארְט אִין אַנְדֶערֶע שְׁטָאדְט צוּא פַארְקוֹיפֶען, יֶעטְצְט אַז

אַר

צר איז חָרוּב גֶעוָואָרֶען. הָאט אלכסנדר־קיין מִלְחָמָה גֶעהַאלְטֶען מִיט דִיא מִצְרִים אוּנ דָאךְ עֶר הָאט זייא בֶּעזִיגְט דָארְט הָאט עֶר גֶעבוֹיט אַנייע שְׁטָאדְט בַּייא דֶעם ניל־פלוסס (נילוס) אוּנ עֶר הָאט דִיא שְׁטָאדְט אַנָאמֶען גֶעגֶעבֶּען אלכסנדריא. עֶס הָאט לַאנְג נִיט גֶעדוֹיעֶרְט, הָאבֶּען פִּיל סוֹחֲרִים אָנְגֶעפַאנְגֶען דָארְט צוּא פָאהרֶען דִיא שְׁטָאדְט אִיז גֶעוָואָרֶען זֶעהְר רַייךְ אוּנ שֵׁאן פַארְפוּטְצְט אִין אלכסנדריא זַיינֶען גְרוֹיסֶע פַאבְּרִיקֶען גֶע־גְרִינְדֶעט גֶעוָוארֶען אוֹיךְ פִּיל שׁוּלֶען צוּא לֶערְנֶען אַלֶערְלַייא ווִיסְסֶענְשַׁאפְט. זִיא אִיז גֶעוֶוען דִיא שֶׁאנְסְטֶע מְהַייעֶרְסְטֶע שְׁטָאדְט פוּן גַאנְץ מָארְגֶענְלַאנְד.

דִיא שְׁטַארְקֶע שְׁטָאדְט „עזה" וָואס זִיא אִיז גֶעבוֹיט בַּייא דֶעם גְרֶענֶעץ פָאן אַלְט פַּלֶשְׁתִינה הָאט אוֹיךְ נִיט גֶעוָואלְט אֶפְנֶען אִיהרֶע טְהוֹיעֶרְן פַאר אלכסנדר דֶעם גְרוֹיסֶען. הָאט זִיא גֶעהַאט דִיא זֶעלְבֶּע עֶנְדֶע וִויא „צר". — נוּר אוֹיף צר הָאט עֶר בֶּעלַאגֶערְט זִיעבֶּען מָאנַאטֶען, אָבֶּער אוֹיף עזה הָאט גֶעדוֹיעֶרְט דִיא בֶּעלַאגֶערוּנְג נוּר צְוַוייא מָאנַאטֶען.

---

## יא.

## דֶער רִיכְטִיגֶער פְּלַאן.

מִיט דִיא עֶגִיפְּטֶער הָאט אלכסנדר גֶעטְהוּן פִּיל חֶסֶד, וַוייל זִייא הָאבֶּען זִיךְ אוּנְטֶערְגִיגֶעבֶּען אוּנ גָאר אָהן אַמִלְחָמָה הָאבֶּען זִייא אִיהם אַנֶערְקֶענְט פַאר אַ קֶענִיג אוֹיף זִייא. דִיא עֶגִיפְּטֶער זַיינֶען אִיהם גֶעוֶוזֶן דאנְקְבַּאר פַאר דֶעם וָואס עֶר הָאט זִייא

בעפרייט פון דיא פערסישער רעגירונג. דער פאר האט זייא אלכסנדר ערלויבט צוא האלטען זייער גלויבען אונ אללע לאנד־רעכטע אזויא וויא זייערע עלטערן האבען זייא געלערנט. זיין כונה איז געוועזען צוא בעפרייענדען דיא עגיפטער מיט דיא גריכען זייא זאללען ווערען איין פאלק.

אלכסנדרס פלאן איז געוועזען ריכטיג, ער איז געוועזען א תלמיד מובהק בי א דעם גראסטען חכם פון גאנץ מארגענלאנד. זיין נאמען איז געוועזען „אריסטאטעלעס“ ער האט געזאגט אכלל. וויל מען איינעם ערקלערען ער זאל ניט גלויבען אין נארעשע גאטצענדינערייא דארף מען מיט איהם רעדען אהן כעס, מען דארף טהון גוטעס מיט איהם, לערנען איהם וויססענשאפט. ביז ער וועט אליין אפנען זיינע אויגען אונ ערקאנען וואס גוטעס אונ וואס ניט גוטעס אבער מיט בייזען קאן מען אין יענעמס הערצען ניט איינפלאנצען אנייעם גלויבען דורכדעם וואס אלכסנדר האט ערלויבט יעדען מענשען צוא גלויבען אונ דינען זיין גאטט, האבען איהם אללע פעלקער ליב געהאט, געשעטצט אונ געערט מיט אנאמת אזויא וויא ער איז ווערט געוועזען.

אנדערע האבען געגלויבט דאס אלכסנדרס פאטער איז „צעאום אמון“ *)

אלאנגנע

---

*) ביי דיא געטצענדינער איז געוועזען דער „צעאום אמון“ אהיילינער גאט, וויא מיר ערקלערען אין דיא „לעגענדעס“ פון אלכסנדר׳ן.

יהלו״ם

# יב.

## פֿאַרְדִינְט דֶעם נָאמֶען.

אַלַאנְגֶע צַייט אִיז אלכסנדר גֶעזֶעסֶען אִין עֶגִיפְּטֶען, עֶר הָאט אִין לַאנְד גֶעאָרְדֶענְט נַייע פְּרָאיֶעקְטֶען, אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטְהוּן אִיז גֶעוֶוען מִיט גְרוֹיס חָכְמָה נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעהֶערְט דָאס דריוש דֶער קֶענִיג פוּן פָּרַס הָאט פַארְזַאמֶעלְט פִיל גִבּוֹרִים מִיט אִיהם צוּא שְׁטְרַייטֶען.

אלכסנדר הָאט צוּזַאמֶענְגֶעזַאמֶעלְט זַיינֶע הֶעלְדֶען אוּנ אִיז מִיט זֵייא גֶעגַאנְגֶען גֶעגֶען דריוש'ן מִלְחָמָה הַאלְטֶען, זֵייא הָאבֶען זִיךְ צוּזַאמֶענְגֶעטְרָאפֶען בַּייא נִינְוֶה, דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַגְרוֹיסֶע מִלְחָמָה, אלכסנדר מִיט זַיינֶע גִבּוֹרִים הָאבֶען בֶּעזִיגְט דריוש'ן הָגַם דריוש הָאט גֶעהַאט פִיל מֶעהר סָאלְדַאטֶען וִויא אלכסנדר.

אִין יֶענֶע מִלְחָמָה הָאט אלכסנדר גֶעוויזֶען פַאר דֶער וֶועלְט אַז מִיט רֶעכְט פַארְדִינְט עֶר דֶעם נָאמֶען „גְרוֹיסֶער". עֶר הָאט צוּגֶענוּמֶען דִיא לַאנְד בָּבֶל אוּנ דִיא רֶעזִידֶענְץ שְׁטָאדְט שׁוּשַׁן, אוּנ דִיא אַלְטֶע שְׁטָאדְט פֶּערְזֶעפָּאלִיס מִיט אַלֶע זֵייעֶרֶע אוצרות אוּנ גְרוֹיסֶע אַנְטִיקֶען עֶר הָאט זֵייא פַארְוִויסְטֶעט, גֶעמַאכְט פוּן זֵייא אַתֵּל.

אלכסנדר הָאט אַמָאל גֶעמַאכְט אַבַּאאַל פַאר זַיינֶע אַלֶע הֶעלְדֶען אַז עֶר הָאט זִיךְ גוּט אָנְגֶעטְרוּנְקֶען מִיט וויין הָאט עֶר גֶענוּמֶען אַלֶע זַיינֶע גִבּוֹרִים אוּנ אִיז מִיט זֵייא גֶעגַאנְגֶען אִין פערזעפאלים. עֶר מִיט זַיין אֵייגֶענֶע הַאנְד הָאט גֶענוּמֶען אַשְׁטִיק

ברענענדע

בְּרֶענֶגֶרע הָאלִץ אוּנ הָאט אַוָוארְף גֶעגֶעבֶּען אוֹיף פַּגְרוֹיסֶען פַּאלַאין אוּנ אַזוֹיא הָאבֶּען גֶעטְהוּן אַלֶע זַיינֶע הֶעלְדֶען, אִיז דיא גַאנְצֶע שְׁטָאדְט פַּארְבְּרֶענְט גֶעוָוארֶען, נַאכְדֶעם זַיינֶען זַייא גֶעגַאנְגֶען אִין דֶער שְׁטָאדְט „פאזארגדה" אוּנ הָאבֶּען אִיהר אוֹיךְ פַּארְבְּרֶענְט דָאס הָאט זִיךְ אלכסנדר נוֹקֵם גֶעוֶוען אָן דיא פרסיאנער פַאר וָואס זַייא הָאבֶּען פַּארְבְּרֶענְט דִיא שְׁטָאדְט אטהען אוּנ פַאר וָואס זַייא הָאבֶּען בֶּערוֹיבְּט דיא הֵיילִיגֶע גֶעבֶּעטְהַייזֶער פוּן דִיא גְרִיכֶען. מדה כנגד מדה.

דריוש אִיז אַנְטְלָאפֶען אִין בַּאַקְטְרִיָה דָארְטֶען הָאבֶּען זַיינֶע שָׂרִים אִיהם גֶעהַרְגֶת.

אלכסנדר הָאט דֶערְהֶארְט דִיא עֶנְדֶע פוּן דריושן, הָאט עֶר שְׁטַארְק גֶעוַויינְט דֶען עֶר הָאט-נור גֶעוָואלְט אִיהם בֶּעזִינֶען אָבֶּער נִיט טֶאטֶען.

דֶער עֶלְטֶערֶער פוּן דִיא שָׂרִים אַ גֶעווִיסֶער בעסוס וָואס הָאט אָנְגֶעטְהוּן דִיא קֶאנִיגְלִיכֶע קְרוֹין עֶר הָאט גֶעוָואלְט וֶוערְן דֶער קֶאנִיג אִין פָּרָס, אָבֶּער אלכסנדר הָאט גֶעשִׁיקְט זַיינֶע הֶעלְדֶען, הָאבֶּען זַייא אִיהם גֶעפַאנְגֶען אוּנ גֶעשְׁלָאסֶען אִין קֵייטֶען גֶעבְּרַאכְט אַלֶעבֶּעדִיגֶען צוּא אלכסנדרן. הָאט אלכסנדר בֶּעפוֹילֶען מֶען זָאל אִיהם אוֹיפְהֵיינְגֶען ווִיא עֶס קוּמְט אַמֶערְדֶער.

---

## יג.

## גֶעבּוֹיט פִיער שְׁטֶאדְט

אלכסנדר הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט טְהוּן אַזֶעלְבֶע זַאכֶען וָואס בִּיז זַיין צַייט אִיז דָאס נָאךְ נִיט גֶעזֶעהֶען אוּנ גֶעהֶערְט גֶעוואָרען

וואָרען אויף דער וועלט ער האט ארויפגעשטיינט אויף דיא בערג הינדיקו וואס אויף זייא ליגט אעווינער שנעע, ער מיט זיין ארמעע זיינען געגאנגען אין דיא גראסטע געפעהרליכסטע ארטער. פיל פון זיינע סאלדאטען זיינען געשטארבען פון הונגער אונ פון מידיגקייט. אין יאהר 328 אונ 329 (פאר כ׳ ג׳) האט איהם בעגליקט צוא בעזיגען דיא איינוואהנער פון דיא לאנדער ארי (apiй) הירקאניה (гирконій) באקטריה (бактрій) אונ זאגדיאנא (согдіаны) וואס דיא איינוועהנער פון יענע לאנדער זיינען געווען גרויסע גבורים אונ זייא האבען געשטריטען געגען איהם מיט אלע זייערע קרעפטע. אבער עס האט זייא ניט געהאלפען, זייא האבען געמוסט זיך אונטערגעבען אונ אנערקאנען איהם פאר זייער הערשער.

אלכסנדר האט געארדענט אין יענע לאנדער נייע שאסייען ברייטע וועגען צוא פאהרען כדי צוא פארבינדען דיא לאנדער מיט אנדערע לאנדער, אונ אויסברייטערן דעם האנדעל, אויך דיא וויסענשאפט פון דיא גריכען זאל פארברייטעט ווערען אין דיא ווילדע לאנדער וועלכע ער האט זייא מיט זיין קראפט בעזיעגט.

דיא לענדער וועלכע אלכסנדר האט בעזיגט, האט ער ניט נור צוא ליב דעם צוועק צוא ווייזען זיין כח אונ גבורה, ער האט געהאט אהעכערן אונ אבעסערן צוועק געמליך: ער האט געוואלט דיא ווילדע פעלקער זאלען ווערן געבילדעטע מענשען זייא זאלען לערנען דיא גריכישע וויסענשאפט וועלען זייא ווערען מענשען מיט לייטען גלייך.

צוא ליב דעם תכלית האט אלכסנדר געבויט אין יענע לאנדער פיער שטאדט ער האט זייא גערופען „אלכסנדריא" אויף

אוֹיף זַיין נָאמֶען, דָארְטֶען הָאט עֶר גֶעפְּפְלַאנְצְט אוּנ פַארְבְּרֵייטֶעט דִיא גְרִיכִישֶׁע חָכְמוֹת עֶר הָאט דָארְט גֶעגְרִינְדֶעט גְרוֹיסֶע פַאבְּרִיקֶען כְּדֵי פִיל סוֹחֲרִים זָאלֶען אַהִין קוּמֶען אוּנ פוּן יֶענֶע שְׁטָאדְט זַיינֶען דִיא גְרִיכִישֶׁע חָכְמוֹת פַארְשְׁפְּרֵייט אוּנ פַארְבְּרֵייטֶעט גֶעוָוארֶען וַוייט אִין אַלֶע גֶעגֶענְדֶען פוּן מָארְגֶענְלַאנְד.

---

# יד.

## דִיא הָאכְצַייט.

אִין לַאנְד באקטריה הָאט אלכסנדר מִלְחָמָה גֶעהַאלְטֶען אוֹיף אַגְרוֹיסֶען שְׁטַארְקֶען קְרֶעפְּאסְט וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער שְׁטַארְקְסְטֶער אִין גַאנְצֶען לַאנְד. עֶר אִיז גֶעוֶוען גֶעבּוֹיט אוֹיף אַהוֹיכֶען בַּארְג. דִיא פִירְסְטֶען פוּן לַאנְד הָאבֶּען זֵייעֶרֶע פְרוֹיעֶן טָאכְטֶער אוּנ זֵייעֶר גַאנְצִין פַארְמֶעגִין פַארְזַאמִילְט אִין יֶענֶים פֶעסְטוּנְג.

אַז אלכסנדר הָאט דֶעם פֶעסְטוּנְג בֶּעזִיגְט הָאט עֶר דָארְטֶען גֶעפוּנֶען אַשֶׁאנֶע מֶאדְכֶען דִיא טֶאכְטֶער פוּן דֶעם קֶאנִיג, אִיהר נָאמֶען אִיז גֶעוֶוען ראקסאנה. זִיא אִיז אִיהם אַזוֹיא שְׁטַארְק גֶעפֶעלֶען גֶעוֶוען אַז עֶר הָאט מִיט אִיהר גֶעהֵייַראטְה.

דִיא הָאכְצַייט אִיז גֶעוֶוען גְרוֹיסְאַרְטִיג. אלכסנדר הָאט דֶערְמִיט גֶעצַייגְט אַז עֶס אִיז שׁוֹין אַ עֶנְדֶע פוּן דִיא מִלְחָמָה מִיט דִיא פֶעלְקֶער פוּן אַזְיָה. עֶס אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען דִי צַייט אַז פוּן אַלֶע פֶעלְקֶער זָאל וֶוערֶען אֵיין פָאלְק. אַלֶע זָאלֶען פָאלְגֶען דִיא גְרִיכֶען, לֶעבֶּען אוּנ שְׁטְרֶעבֶּען נָאךְ וִויסֶענְשַׁאפְט וִויא דִיא גְרִיכֶען, מַאכֶען פַאבְּרִיקֶען אוּנ גֶעשֶׁעפְטֶען וִויא דִיא גְרִיכֶען מַאכֶען.

פון יענער צייט אָן האט זיך אלכסנדר פארמאסקירט.
ער האט זיך אָנגעצויגען אין קליידער וויא די קאניגע פון מדי אונ פרס פלעגען טראגען, אקרוין האט ער אויף זיין קאפף געטראגען. די מענשען וואס זיינען צוגעגאנגען נאהנט פון איהם האבען זיך געשטעלט אויף די קניע אונ האבען איהם געגעבען געמליכע עהרע. ארום איהם זיינען געשטאנען די פירסטען פון פרס מיט גאלדענע שטעקען׳ס אין די האנד.
פיל שרים (האפליננס קאמערער) פלעגען געהען פאראויס וואז אלכסנדר האט געוואלט געהען זיין כונה איז געווען מיט זיין אויפירונג וויא אלע אזיאטישע קאניגע צוא ציינען דאס פאלק דאס ער ווערט זייא בעהאנדלען ניט ערגער וויא זייערע אלטע קאניגע. דארום דארפען די איינוואהנער פון יענע לאנדער איהם טרייא דינען וויא זיי האבען געדינט געטרייא יענע קאניגע.

# טו.

## די שטאלצע שרים.

די מאקאדאנסקי פירסטען, די שטאלצע שרים, איז ניט געפעלען געווען וויא אלכסנדר האט בעהאנדעלט די בעזיעגטע מענשען. דען זיינע שרים האבען געוואלט הערשען איבער די בעזיעגטע זייא אונטערדריקען וויא אלע זיגער טהוען אבער אלכסנדר האט דאס ניט געוואלט זיינען זיינע שרים אויף איהם אין כעס געווארען.

די אנפיהרער פון די שרים זיינען געווען דער פעלדהערר פארמעניאן אונ זיין זאהן פהילאטאס, איונגער מאן א גרויסער

העלד

העלד אונ אבעקן, ער איז געוועזן דער עלטסטער איבער דיא קאניגליכע וואך.

דיא שרים האבען אנגערעדט דיא סאלדאטען אז זייא זאלען מעהר ניט פאלגען דעם קאניג צו גיין האלטען מלחמה. נור זייא זאלען צוטהיילען דעם פארמעגען וואס זייא האבען בערויבט צווישען זיך אונ געהען אהיים. אויך אין דער שטאדט פראפטאזיאה האבען פיל סאלדאטען געבונדען זיך אויף אלכסנדר. נור צייטמעססיג האט אלכסנדר דערוואוסט פון דעם בונד, דיא מאטעזניקעם זיינען נפאנגען געווארען, מען האט זייא געבראכט צו דיא ריכטער. דורך זייא האט אלכסנדר ערפאהרען דאס פהילאטאס האט אנטהייל גענומען אין דעם מאטעז האבען איהם דיא ריכטער פארמשפט צום טויט דיא סאלדאטען האבען איהם געשטאכען מיט זייערע שפיזען אונ געהרגעט אויף טויט.

דער פעלדמארשאל „פארמעניאן" דער פאטער פון דעם געהרגעטן פהילאטאס איז אין יענער צייט געוועזן מיט א גרויסע ארמעע אין דער שטאדט אחמתא. ער האט דארטען געהיט דיא אוצרות, אלכסנדר האט מורא געהאט פיללייכט וועט ער הארען זיין זאהן'ס אונגליק וועט ער צובונדעווען זיין ארמעע האט אלכסנדר געשיקט צוויא גבורים אין אחמתא ער האט זייא בעפוילען צוא מאטען דעם פעלדמארשאל גאר אהן א משפט.

די צוויי העלדען זיינען געקומען אין אחמתא זיי האבען דעם פעלדמארשאל געטראפען אין זיין גארטען ארומגעהענדיג שפאצירען האבען זיי אים געשטאכען מיט זייערע שארפע שווערדן אין זיין ברוסט אונ ער איז געשטארבען.

העלדען

# טז.

## דִיא חֲרָטָה.

אִין אַיְאהר אַרוּם הָאט אלכּסנדר פַארְזַאמֶעלְט אַלֶע זַיינֶע הֶעלְדֶען אִין דֶער שְׁטָאדְט מאראקאנדה צוּ גֵיין הַאלְטֶען מִלְחָמָה אוֹיף אִינְדְיֶען.

דִיא גֶענֶערָאלֶע פוּן זַיין אַרְמֶעע הָאבֶּען גֶעמַאכְט אַגְרוֹיסֶען בַּאל, אַנַאנְצֶע נַאכְט הָאבֶּען זַייא גֶעטְרוּנְקֶען וַויין מִיט אלכּסנדר'ן צוּזַאמֶען זַיינֶע גְרִיכִישֶׁע שָׂרִים הָאבֶּען אִיהם שְׁטַארְק גֶעחַנְפֶת זַייא הָאבֶּען אִיהם גֶעלוֹיבְּט דָאס עֶר אִיז אַזוֹיא גוּט וִוי אַגָאט.

דֶער גֶענֶעראַל קְלֵייטָאס (וָואס אִין דֶער מִלְחָמָה בַּיי דֶעם טַייךְ גראניקוּם הָאט עֶר אלכּסנדר'ן גֶערֶעטֶעט פוּן טוֹיט) אִיז דִיא נַאנְצֶע צַייט גֶעזֶעסֶען אוֹיךְ דֶעם בַּאאל אוּנ גֶעהֶערְט דִי פַאלְשֶׁע קָאמְפְּלִימֶענְטֶען הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּם קֶאנִיג וִוי לַאנְג נָאךְ וֶועסְט דוּ צוּא הֶארֶען דִי חֲנִיפָה פָאן דִיא פַאלְשֶׁע גְרִיכֶען זַייא לַאכֶען דָאךְ פוּן דִיר אִין זַייעֶר הֶערְצֶען, קוּרְץ עֶר הָאט אַזוֹי לַאנְג גֶערֶעדְט בִּיז אלכּסנדר אִיז שְׁטַארְק אִין כַּעַס גֶעוָוארֶען עֶר הָאט גֶעחַאפְּט אַשְׁפִּיז אוּנ גֶעשְׁטָאכֶען דֶעם עֶהְרְלִיכֶען גֶענֶעראַל.

בַּאלְד נָאכְדֶעם הָאט אלכּסנדר שְׁטַארְק חֲרָטָה גֶעהַאט פַאר וָואס עֶר הָאט גֶעהַרְגֶעת זַיין גוּטֶען פְרַיינְד. עֶר הָאט זִיךְ אַנָוארְף גֶעגֶעבֶּען אוֹיף דֶעם טוֹיטֶען קֶארְפֶּער אוּנ גֶעוַויינְט גֶעקְלָאגְט וִוי אַפָּאטֶער אוֹיף זַיין גֶעשְׁטָארְבֶּענֶעם אֵיינְצִיגֶען קִינְד, דִי שָׂרִים הָאבִּין אִיהם מִיט גֶעוַואלְד אַרַיינְגֶעפִיהְרְט אִין זַיין צִימֶער אָבֶּער עֶר הָאט דְרַייא טֶעג אוּנ דְרַייא נֶאכְט גֶעוַויינְט, קַיין זַאךְ נִיט גֶעגֶעסֶען נִיט גֶעטְרוּנְקֶע

אונ

אונ ניט גֶעשְׁלָאפֶען נור גֶעטְרוֹיעֶרְט אונ גֶעיַאמֶערְט בִּיז אויף דֶעם פִּיעֶרְטֶען טָאג הָאט ער זיך אַבִּיסֶעל בֶּערוּהִיגְט .

אוֹיב דֶער גְרוֹיסֶער בֶּערִיהמְטֶער פִּילוֹסוֹף „קאליסטהענעס״, אריסטאטעלעס אַשְׁוֶועסְטֶערְס אַזָאן) הָאט אויך גִיהאט אַשֶׁעכְדְלִיכֶע עֶנְדֶע דוּרְך אלכסנדרן עֶר פְלֶעגְט זָאגֶען דֶעם קֶאנִיג זַיינֶע פֶּעהלֶער בִּיז אלכסנדר הָאט אִיהם גֶעשְׁלָאגֶען אִין קֶאטְטֶען אונ אַוֶועגֶעפִירְט אִין אִינְדְיֶען דָארְטֶען אִיז עֶר קְרַאנְק גֶעוָארֶען אונ פון גְרוֹיסֶע יסוּרִים אִיז עֶר גֶעשְׁטָארְבֶּען .

---

## .ז

# דִיא רַייזֶע נָאך אִינְדְיֶען .

אלכסנדר הָאט זיך נִיט בַּאגְנוּגֶענְד מִיט דִי גְרוֹיסֶע גְבוּרוֹת וָוס עֶר הָאט גֶעוִויזֶען אִין דִי מִלְחָמוֹת מִיט דִי קֶאנִיגֶע פון אַזְיָה , אויך אִיז אִיהם וֶועניג גִיוֶוען דִי לֶענְדֶער וָואס עֶר הָאט בֶּערוֹיבְּט, אִיהם הָאט זיך גֶעוָואלְט נָאך לֶענְדֶער בֶּערַאבֶּעוֶון עֶר הָאט גְרוֹיס חֵשֶׁק גֶעהַאט אַיינְצוּנֶעהְמֶען דִי וואוּנְדֶערְלִיכֶע לַאנְד אִינְדְיֶען עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז דָארְטֶען אִיז פַארַאן זֶעהֶער פִיל גָאלְד , טְהַייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער , אונ גוּטֶע פֶּערְל .

וֶוענֶען אִינְדְיֶען הָאט אלכסנדר גֶעהֶערְט עֶרְצֶעהלֶענְדִיג פִּיעל וואוּנְדֶערְלִיכֶע לֶענֶענְדֶען, דַארוּם הָאט זיך אִיהם גֶעוָואלְט צִיהֶען אַהִין אוּנְטֶערְטֶהֶעניג מַאכֶען יֶענֶע לַאנְד .

הֲגַם אלכסנדר הָאט גֶעוואוּסְט דָאס זַיינֶע גְבוֹרִים פון מוקדון זַיינֶען נִיט צוּפְרִידֶען צוּ גֵיין מִלְחָמָה הַאלְטֶען מִיט אִינְדְיֶען נור עֶר הָאט זיך נִיט בֶּעקִימֶערְט וָואס זֵיי וִוילֶען נִיט עֶר הָאט גֶענוּמֶען זַיין

גרויסע

גְרוֹיסֶע אַרְמֵעע את עֶגְדֶע פְּרִיהלִינְג פוּן יָאהר 327 (פ. כ. ג.) אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען נָאךְ אִינְדְיֶען. עֶר אִיז גֶעקוּמֶען בִּיז דֶעם טַייךְ קאבול. פוּן דָארְטֶען בִּיז דֶעם טַייךְ אינדוס אִין די וַוייטֶע רַייזֶע הָאט עֶר מִלְחָמָה גֶעהַאלְטֶען מִיט פִיל קֶאנִינְגֶע וָואס הָאבֶּען גֶעהַאט לֶענְדֶער מִיט גְרוֹיסֶע גִבּוֹרִים עֶר הָאט זֵיי אַלֶעמֶען בֶּעזִינְט אונ אִיז גֶעקוּמֶען בַּיי דִי טְהוֹיעֶרְן פוּן אִינְדְיֶען וָואס זַיינֶען אַלֶע מָאל גֶעוֶוען פַארְשְׁלָאסֶען פַאר דִי אֵייְרָאפֵּייעֶר אִין די שְׁרֶעקְלִיכֶע לַאנְד הָאט אלכסנדר גִיצַייגְט זַיין גבורָה אונ חָכְמָה עֶר הָאט מִלְחָמָה גִיהַאלְטֶען אוֹיף דֶעם גְרֶעסְ־טֶען אונ שְׁטַארְקְסְטֶען קְרֶעפָּאסְט פוּן גַאנְצֶען לַאנְד, דֶער קְרֶעפָּאסְט אִיז גֶעוֶוען גֶעבּוּיט אוֹיף אַהוֹיכֶען בַּארְג אַזוֹיא הוֹיךְ אַז אַפָּאגֶעל הָאט נִיט גֶעקָאנְט אוֹיף דֶעם שְׁפִּיטְץ קְרֶעפָּאסְט אַרוּפְּפְלִיהֶען אַלכסנדר הָאט דֶעם קְרֶעפָּאסְט אַיְנְגֶענוּמֶען אונ עֶר הָאט אוֹיבֶּען אַרוֹיפְגֶעשְׁ־טֶעלְט זַיין הֶערְבּ צוּא וַוייזֶען אַז דֶער קְרֶעפָּאסְט אִיז זַיינֶער.

דוּרְךְ דִיא וואוּנְדֶערְלִיכֶע גבוּרָה הָאט אַלֶכְּסַנְדֶר בֶּעקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶען נָאמֶען די הֶעלֶענִים הָאבֶּען גִיזָאגְט דֶאס עֶר אִיז פִּיל שְׁטַארְ־קֶער ווִי הֶערְקוּלֶעס, יין גְבוּרָה אִיז נִיט אַמֶענְשְׁלִיכֶע נוּר אַגֶעטְלִיכֶע.

דִי בֶּעוָואהנֶער פוּן נָארְד אִינְדְיֶען הָאבֶּען גֶעגֶען אִיהם גֶע־שְׁטְרִיטֶען. עֶטְלֶעכֶע מָאל אִיז עֶר גִיוֶוען אִין גְרוֹיס סַכָּנָה נוּר אִיהם הָאט גִיבַאטֶעוֶועט דָאס וָואס דִי פִירְסְטֶען הָאבִּין אֵייגֶער דֶעם אַנְדֶרְן נִיט גֶעגְלוֹיבְּט. אֵיינִיגֶע פוּן זֵיי הָאבֶּען אִיהם גִיהָאלְפֶען אַיינֶעהְמֶען דָאס לַאנְד אונ דָארְטֶען צוּ וֶוערֶען אַקֶאנִיג דֶען ווִי אלכסנדר אִיז אַרִיבֶּערְגִינַאנְגֶען דֶעם טַייךְ אינדוס בַּיי דֶער שְׁטָאדְט „אטאן״ זַיינֶען צוּ אִיהם עֶטְלִיכֶע פִּירְסְטֶען גֶעקוּמֶען הֶעלְפֶען מִלְחָמָה הַאלְטֶען מִיט „פארוס״ דֶער גְרֶעסְטֶער פִירְסְט פוּן יֶענֶע לַאנְד וָואס רֶעגִירְט אוֹיף יֶענֶע זַייט טַייךְ הִידַאסְפֶּעס אונ אלכסנדר אִיז אַרִיבֶּערְגִינַאנְגֶען דֶעם טַייךְ הָגַם זַיינֶע פַיינְד זַינֶען גִישְׁטַאנִין דָארְטֶען מִיט גְרוֹיס גְבוּרָה

איז

איז ער בֶּעפַאלֶען אויף דֶעם אַרְמֶע פון קאנִיג פארוס אוג אויף זַיינֶע עֶלִיפַאנְטֶען, צְוַואנְצִיג טויזִינְד גִבּוֹרִים הָאט אלכסנדר גֶיהַרְגֶעט, אויך דֶער קאנִיג פָּרוּס אִיז פַארְוואוּנְדֶעט גֶעוָוארֶען אוג אלכסנדר הָאט אִיהם גֶענוּמֶען אִין פְּלֶען .

די גְבוּרָה וָואס אלכסנדר הָאט אִין יֶענֶע מִלְחָמָה גֶעוִויזֶען איז גֶעוֶוען צוּא בֶּעוְואוּנְדֶערְן פון דֶער צַייט וָואס אויף דֶער וֶועלְט איז גֶעוֶוען מִלְחָמוֹת, בִּיז יֶענֶער מִלְחָמָה אִיז אַזַא גְבוּרָה נִיט גִיזֶעהֶען אוג נִיט גֶעהֶערְט גֶעוָוארֶען .

---

# יח.

## צְוֶועלְף מִזְבְּחוֹת. אוּג אַלֶכְּסַנְדֶר׳ס טוֹיט .

אלכסנדר הָאט אויף יֶענֶעם אָרְט גֶעבּוֹיט צְווייא גְרוֹיסֶע שְׁטֶאדְט, אֵיינֶע הָאט עֶר אַנְאָמֶען גֶעגֶעבֶּען בּוּקֶאפאלַא (צוּם אַנְדֵיינְקֶען זַיין פֶערְד וָואס אִיז גֶעפַאלֶען אִין דֶער מִלְחָמָה וָואס זַיין נָאמֶען איז גֶעוֶוען בּוּקאפאלא), אוג דיא צְווייטֶע שְׁטֶאדְט הָאט עֶר אַנָאמֶען גֶעגֶעבֶּען „ניקאא“ ד. ה. זִיעגֶעסְשְׁטֶאדְט, עֶר הָאט דָארְטֶען גֶעאָרְדֶענְט הַייזֶער צוּ לֶערְנֶען דִי גְרִיכִישֶׁע ווִיסֶענְשַׁאפְט , פון דָארְטֶען אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען בִּיז „היפאזיס“ , עֶר הָאט זִיךְ צוּבֶּערֵייט מִלְחָמָה הַאלְטֶען אויף דִי בְרֵייטֶע פְּרוּכְטְבַּארֶע לֶאנְדֶער בַּיי דֶעם טַייךְ גוֹזן (גאנגעס) . נוּר זַיינֶע הֶעלְדֶען פוּן מוקדון הָאבֶּען ווַייטֶער נִיט גֶעוָואלְט גֶעהֶען מִלְחָמָה הַאלְטֶען, זֵיי הָאבֶּען פון אִיהם פֶערְלַאנְגְט עֶר זאל זֵיי שִׁיקֶען אַהֵיים ווַייל זֵייא הָאבֶּען זֵייעֶרֶע אַרְבֵּייט אִין אַזֶא גֶעעֶנְדִיגְט, פֶּרְסִיֶע הָאבֶּען זֵייא בֶּעזִיגְט אִיז פַאר זֵיי גֶענוּג, מֶעהר ווִילֶען זֵיי נִיט מִלְחָמָה הַאלְטֶען .

אלכסנדר הָאט גֶעטְהוּן זַייעֶר פֶערְלַאנְג, הָנֵם אידם הָאט זִיךְ נָאךְ גֶעוָואלְט שְׁטְרַייטֶען מִיט דִי וַוייטֶע פֶעלְקֶער.

עֶהדֶער עֶר הָאט פַארְלָאזֶען אִינְדִיֶען הָאט עֶר גֶעבּוֹיט צְוָועלְף מִזְבְּחוֹת פוּן שְׁטֵיינֶער בַּייא דֶעם טַייךְ גַאנְגֶעס פַאר אַצֵייכֶען דָאס אוֹיף יֶענֶעם אָרְט הָאט זִיךְ גֶעעֶנְדִיגט זַיין רַייזֶע אוּנ זַיין זִיעג אִין מָארְגֶען לַאנְד.

אַלֶע לְאנְדֶער וָואס אלכסנדר הָאט צוּגֶענוּמֶען דוּרְךְ מְלְחָמָה פוּן דֶעם קֶעניג פארוס אוּנ פוּן דִי אִיבְּרִיגֶע פִירְסְטֶען הָאט עֶר זֵיי צוּרִיק אָבְּגֶעגֶעבֶּען, עֶר הָאט מִיט זֵיי פְרִידֶען גֶעמַאכְט אַז זֵיי זָאלֶען מַאכֶען גֶעשֶׁעפְטֶען מִיט זַיין לַאנְד.

אלכסנדר הָאט מִלְחָמָה גֶעהַאלְטֶען מִיט אַנַאנְדֶער שְׁטַארְקֶע פָאלְק וָואס זַייעֶר נָאמֶען אִיז „מאללער״ עֶר הָאט זֵיי בֶּעזִיעגְט, אוּנ גֶעבּוֹיט אַגְרוֹיסֶע שְׁטָאדְט בַּיי דֶעם בְּרֶעג גְרֶענֶעץ פוּן דִי פִינְף טַייכֶען. נָאכְדֶעם אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּרִיק אִין זַיין לַאנְד.

עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אִין פֶּרְסִיֶען אוּנ הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט דֶעם קֶעניג דריוש׳ס טָאכְטֶער. עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַבַּאאַל פַאר אַלֶע פֶּרְסִיאַנֶער אוּנ מַקְאדָאנְיֶער פִינְף טָאג הָאבֶּען זֵיי צוּזַאמֶען גֶעגֶעסֶן אוּנ גֶעטְרוּנְקֶען. דִי הָאכְצֵייט הָאט עֶר גֶעפֵייעֶרְט אִין שׁוּשַׁן הבירה, מֶעהר וִוי צֶעהֶען טוֹיזֶענְד מַאקְאדָאנְיֶער מִיט פרסיאנער פְרַיילִינְס הָאבֶּען אַיינְטְהֵייל גֶענוּמֶען אוֹיף דֶער הָאכְצֵייט

אלכסנדר הָאט דֶערְבֵּיי גִיהַאט אַטִיפֶע כַּוָנָה; עֶר הָאט גִיוָואלְט דֶערְמִיט וַוייזֶען אַז מאקאדאניע אוּנ פרסיע זַיינֶען גֶעוָוארֶען וִויא אֵיין פָאלְק. דִי מאקאדאנער שָׂרִים זַיינֶען דֶערְפַאר גֶיוָוארֶען אִין כַּעַס אוֹיף אלכסנדרן זֵיי הָאבֶּען גֶעוָואלְט דָאס דִי פרסיאנער בֶּעזִיגְטֶע זָאלֶען זַיין קְנֶעכְט בַּיי זֵיי אוּנ דֶערְפַאר הָאבֶּען זֵייא גֶעמַאכְט אַבוּנְד גֶעגֶען אלכסנדר׳ן, דִי שָׂרִים הָאבֶּען צוּבוּנְדֶעוֶועט אַלֶע מַאקְאדָאנֶער

סאלדאטען

סָאלְדַאטֶען . דֶער אוֹיפְשְׁטַאנְד גֶעגֶען אלכסנדר איז גֶעוָוארֶען אַזוֹי שְׁטַארְק אַז אַמָאל הָאט אלכסנדר גֶעזָאגְט: „עֶר וויל דִי אֶלְטֶערֶע סְאלְדַאטֶען שִׁיקֶען אַהֵיים" הָאבֶּען אַלֶע מאקאדאנער סָאלְדַאטֶען גֶעעֶנְטְפֶערְט „שִׁיק אוּנְז אַלֶעמֶען אַהֵיים" נור דֶער גְרוֹיסֶער אלכסנדר הָאט ז ךְ פַאר זֵיי נִיט עֶרְשְׁרָאקֶען, עֶר הָאט גִיחַאפְּט דִי הוֹיפְּט בּוּנְד־טָאוְוצִיקֶעס אונ הָאט זֵיי עֶרְטְרוּנְקֶען אִין טַייךְ חדקל, דִי סָאלְדַאטֶען הָאבֶּען אִיהם גֶעבֶּעטֶען פֶערְצַייאוּנג אונ עֶר הָאט זֵיי מוֹחֵל גִיוועֶן .

אלכסנדר הָאט בֶּעפְרַייט צֶעהן טויזֶענְד מַאן פוּן זַיין אַרְמֶע זֵיי זַיינֶען שׁוֹין גֶעוֶועֶן אַלְט אונ גְרוֹי , עֶר הָאט זֵיי גֶעגֶעבֶּען גְרוֹיסֶע מַתָּנוֹת אונ אַוֶועקְגֶעשִׁיקְט מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד אַהֵיים אונ דִי אִיבְּרִיגֶע סָאלְדַאטֶען הָאבֶּען אִיהם גֶעדִינְט וֶועהֶער גֶעטְרַייא .

אִין אָנְפַאנְג הָאט אלכסנדר גֶעוָואלְט זִיךְ פִיהרֶען ווִי דִי פְּרִיהֶרִיגֶע פרסיאנער קֶאנִיגֶע אַלְס פָּאלִיטִישֶׁען שְׁטַאנְדְפּוּנְקְט , כְּדֵי דֶערְמִיט צוּ פַארְבִּינְדֶען דָאס פֶּרְסִישֶׁע פָאלְק צוּ זִיךְ, נַאכְדֶעם הָאט עֶר דָאס גֶעטְהָאן אַלְס לִיבֶּע אונ פֶערְגְנִיגֶען , אִיהם אִיז גֶעפֶאלֶען גֶעוֶועֶן דִי גְרוֹיסֶע פֶערְגְנִיגֶען וָואס יֶענֶע קֶאנִיגֶע הָאבֶּען זִיךְ פַאר שַׁאפְט.זַיין קֶאנִיגְלִיכֶער פַּאלַאץ אִין בָּבֶל הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעצֵייכֶענְט מִיט אַגְרוֹיסֶע רַייכְקֵייט, גָאלְד, דִימַאנְטֶען , בְּרִילַאנְטֶען אונ טְהַייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער זַיינֶען דָארְטֶען גֶעוֶועֶן פִּיל .

צוּ לִיבּ זַיין פַּאלַאץ הָאט עֶר אוֹיסְגֶעפּוּצְט דִי גַאנְצֶע שְׁטָאדְט מִיט אַלֶערְלֵיי אַנְטִיקֶען . גְרוֹיסֶע פִּירְסְטֶען , פִּיל עֶדֶעלַייט זַיינֶען צוּ אִיהם גֶעקוּמֶען פוּן וַוייטֶע אונ נָאהֶנְטֶע לֶענְדֶער מִיט אִיהם זִיךְ צוּ בְּעַראטְהֶען וֶועגֶען זַייעֶרֶע פָּאלִיטִיקַ.רַיידֶענְדִיג מִיט אִיהם הָאבֶּען זֵיי גֶעלוֹיבְּט אונ גֶעהִימְט זַיין גְבוּרָה , פוּן זֵייעֶר מוֹיל זַיינֶען אַרוֹיס פַ.לְשֶׁע קָאמְפְּלִימֶענְטִין, זֵיי הָאבִּין אִיהם גְרוֹיס גִימַאכְט וָואס גְרֶעסִיר אונ שְׁטַארְקֶער קָאן אוֹיף דֶער וֶועלְט נִיט זַיין .

טאָג טעגליך איז אין זיין פּאַלאַץ גיװען אַ באַאל מיט אַלערליי מארגענלאנדישע פערגניגען, די גרויסע תּענוגים האָבען אלכּסנדרן גיט געשטערט פון זיינע ערהאַבענע געדאַנקען, ער האָט געװאָלט דאָס אַלע לענדער די װייטע זאָלען זיך באַהעפטען צו זיין גריכישע װיסענשאַפט און די גריכישע שפּראַך מיט אַלע גריכישע מנהגים.

אויף דעם גרויסען באַאל װאָס אלכּסנדר האָט געמאַכט אין דער שטאָדט אחמתע איז געװען יונענד־פריינד „ה"פעסטיאן" ער האָט צופיל גיטרונקען, זיינע בלוטען האָבען זיך צופיל צוהיצט, ער איז פּלוצלונג געשטאָרבען, ער איז נאָך געװען אין די בעסטע מיטעלע יאָהרען.

זיין טויט האָט גימאַכט אויף אלכּסנדרן אַ שלעכטין איינדרוק, ער האָט נאָך איהם שטאַרק געטרויערט װי אַ פאָטער נאָך זיין בן יחיד ער האָט געגלויבט דאָס זיין גוטער פריינד איז געגאַנגען פאָראויס מאַכען פאַר איהם אַן אָרט אויף יענער װעלט.

אין בבל האָט איהם אלכּסנדר בעגראָבען מיט גרויס פּאַראַד, מיט כּבוד װי אַ קעניג, נאָך די לויה איז אלכּסנדר קראַנק געװאָרען ער איז אין נבוכדנצרם פּאַלאַץ געשטאָרבען, ער האָט קיין צוואה געלאָזען װער עס זאָל ירשענען זיין קעניגליכע טראָהן.

פיל מענשען האָבען ערצײלט דאָס זיינע שׂרים האָבען ביי איהם געפרעגט װער זאָל ירשענען זיין קרוין? האָט ער געענטפערט: אַ מענש װאָס פאַרדינט און איז פעהיג צו רעגירען אויף מיין אָרט יענער זאָל ירשענען מיין קרוין.

זיין טויטען קערפער האָט מען אַװעקגיפירט אין אלכּסנדריא אין מצרים און איז דאָרטען ער געקומען צו זיי עװיגע רוה.